STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11766

VEGN IDISHE BIKHER

Morris Samuel Sklarsky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה
שמואל
שקלארסקי

חוזק
אידישע
ביכער

ניו יאָרק, נאָוועמבער, 1928.

לייבל כהן

Copyright — 1928
by
MORRIS S. SKLARSKY
705 Crotona Park No., Bronx, N. Y.

„אָריאָם פּרעס“
54 קאנאל סט.
ניו יאָרק, נ. י.

224

ביכער־„סיילס" מאי קא משמע לן?

כרכושתא ושונרא עבדי הלולא מתרבין
דביש גדא. (סנהדרין ק"ח)

פארקויפן אידישע ביכער צו רעדוצירטע פרייזן איז ניט קיין נייע זאך אויף דער אידישער גאס. דאס איז שוין פראקטיצירט געווארן פאר יארן און יארן, פונקט אזוי גוט ווי עס ווערט פראק־טיצירט אין אנדערע פאכן, אויף אנדערע סחורות. דאס האט גע־טאן מיט עטלאכע יאר צוריק די „היברו פאבלישינג קא." נאך איידער זי האט זיך אריבערגעקליבן פון קאנעל סטריט אויף עלדרידזש סטריט. דאס האבן געטאן אויך די קלענערע ביכער־פארלעגער. כמעט אלע אידישע צייטונגען און זשורנאלן האבן פון צייט צו צייט געהאט „ביכער־סיילס". דער „מארגען זשורנאל" האט נאך עד היום „סיילס" דורך דער יום־טוב צייט פון חנוכה, „קריסטמעס" און ניי־יאר.

די אלע אויבנדערמאנטע „סיילס" זיינען אלע געווען פון דעם מין „געמאכט שבת פאר־זיך". יעדער איינער האט פארקויפט זיי־נע אייגענע אויסגאבן. (דער „מארגען זשורנאל" און די „ווארהייט" האבן אויך פארקויפט א טייל פון די איבערזעצטע ראמאנען און דערציילונגען פון די „היברו" אויסגאבן.)

אין 1921, ווען דער קריזיס אויפן אידישן ביכער־מארק האט זיך ערשט אנגעהויבן פילן, האט מ. י. שעליובסקי, פון פארלאג „אידיש", געוואלט ראטעווען די לאגע אויף אזא אופן: ער האט געוואלט צוזאמענגעמען אלע אויסגאבן פון אלע פארלאגן און פאר־קויפן זיי צו אלע אידן איבערן לאנד צו רעדוצירטע פרייזן. ער איז אבער ווייט ניט געגאנגען, סיי מיט די פארלעגער, סיי מיט די קויפער און סיי מיט זיין נסיעה איבערן לאנד. חוץ דעם „לי־טערארישער פארלאג" איז קיינער פון די פארלעגער ניט צוגעשטא־נען צו דער אונטערנעמונג, ווייל די פארלעגער האבן גלייך אויף מארגן נאך די עטלאכע „זאטע יארן" ניט דערוואַרט און ניט גע־קענט שלום מאכן מיטן געדאנק, אז זייער סחורה זאל מוזן פאר־קויפט ווערן בזול־הזול.

די קויפער אין די שטעט און שטעטלאך האָבן זיך מסתמא געהאַט זייערע „טעכנישע אורזאַכן" פאַרן אויסמיידן די צו יענער צייט באמת גרויסע מציאות, וואָס איז זיי פאַרגעלייגט געוואָרן. ממילא איז די אונטערנעמונג — נאָך אַ שטענדיק שנעל־וואַקסנדיקן דעפעציט און שווערער אַרבעט פון עטלאַכע וואָכן — אויפגעגעבן געוואָרן.

דורך די לעצטע עטלאַכע יאָר זיינען דאָ עטלאַכע גרעסערע אידישע פאַרלאַגן, ווי „נײַ־צײַט", „קולטור", „אידיש", „ליטעראַטור", „היים", אונטערגעגאַנגען.

דער „פאָרווערטס" ביכער־פאַרלאַג האָט געזונגען זיין שוואַנען־ליד מיט אַן אויספאַרקויף, וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען דעם 11טן אָקטאָבער, 1924, און אָנגעהאַלטן עלף טעג. דאָס איז ביז דאַן געווען דער גרעסטער אויספאַרקויף. יעדער איד וואָלט זיך געמעגט ווינטשן צו פאַרמאָגן דאָס געלט, וואָס דער „פאָרווערטס" האָט צוגעלייגט צום „סייל", פאַרקויפנדיק אַ בוך, וואָס האָט פריער, פאַר דעם „סייל", געקאָסט 1.50 דאָל., פאַר בלויז 35 סענט (אין אייניקע פאַלן — פאַר נאָך ביליקער).

קיין אַנאָנסן פאַר דעם „סייל" האָט מען ניט געזשאַלעוועט. מען האָט אַנאָנסירט מיט אַ ברייטער האַנט, אַרום און אַרום אַ 4-5 גאַנצע צייטונגס־זייטן און אפילו אין דער זונטיקדיקער „ראָטאָגראַווויור־סעקשאַן". און וועגן נאָטיצן איז דאָך שוין אָפּגערעדט. מען האָט געדרוקט נאָטיצן אויף דער ערשטער זייט יעדן טאָג דורך דער גאַנצער צייט פון אויספאַרקויף. דערצו האָט מען נאָך געמוזט אָנשטעלן עטלאַכע ספּעציעלע מענטשן צו באַזאָרגן מיט סחורה די אַרום צוויי טויזנט קונים וואָס האָבן באַזוכט דעם „סייל", און דער פּלאַץ אַליין, דאָרט וואו דער „סייל" איז פאָרגעקומען, האָט דאָך אויך געדאַרפט קאָסטן שיינע עטלאַכע טאָלער.

דורך דער צייט האָבן זיך אויך עטלאַכע ביכער־געשעפטן געשלאָסן, און אַז ביי די עטלאַכע פאַרבליבענע פאַרלעגער האָט געהאַלטן ביים „באו מים עד נפש", האָבן זיי זיך געלאָזט אייבערעטן און שלום געמאַכט מיטן שיקזאַל. ווייל אויב מען וויל בלייבן ביים געשעפט, מוז מען צאָלן „נאָוטס" און דירה־געלט. און אַזוי ווי קיין אַנדער מיטל איז ניטאָ, טאָ זאָל מען שוין שניידן ביזן ביין, אַבי זען זיך מיט אַ לעבעדיקן גראַשן. און דערפאַר טאַקע

האָבן זיי איינגעוויליקט אַריינצוגעבן זייערע אויסגאָבן אויף די „ביכער־סיילס“, וואָס זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן פון די אָרגאַנען פון די „רעכטע“ און „לינקע“ פּאַרטייען (פרייהייט) און „וועקער“), וועגן וועלכע איך וועל דאָ ריידן אַ ביסל באריכות.

*

די אויבנדערמאָנטע פּאַרטייען זיינען געקומען צו דער אידישער ליטעראַטור ניט מאהבת מרדכי, נאָר משנאת המן. די פּאַרטייען האָבן ניט אָנגעפאַנגען זייערע „סיילס“ צוליב דעם, וואָס די אידישע ליטעראַטור איז זיי אַזוי שטאַרק ליב און טייער און האָבן דערפאַר געוואָלט פאַרשפרייטן דעם אידישן בוך; אָדער, אפשר צוליב דעם, וואָס זיי האָבן געוואָלט געבן אַ געלעגנהייט זייערע מיטגלידער צו באַקומען אידישע ביכער (נאָך וועלכע דאָס חיות גייט זיי, נעבאָך, אויס) פאַר רעדוצירטע פרייזן. די אורזאַך איז אַ גאַנץ אַנדערע. זיי האָבן עס גאַנץ פשוט געטאָן צוליב זייער שנאה צו די דעפיציטן אין זייערע פּאַרטיי־קאַסעס. עס איז געוועזן אַ נייער „סקים“ פאַר אונטערנעמונגען פאַר פּאַרטיי־צוועקן, ניט דאַרפנדיק „אינוועסטן“ אין דעם קיין געלט. אגב איז דער נייער וועג אויף געלט מאַכן טאַקע אַ שענערער און אַ לייבטערער ווי צו „לויפן“ אַ פּיקניק, אַ באַל, אַ באַזאַר אָדער אַ טעאַטער־אונטערנעמונג. די אַלע ערשט־דערמאָנטע אונטערנעמונגען פאָדערן אַ סך מער כחות און ענערגיע ווי „לויפן“ אַ ביכער־„סייל“. דערצו קען דאָס גאָר זיין אַ חוץ־לחשבונדיקע אונטערנעמונג, וואָס וועט אַריינברענגען עטלאַכע טאָלער. ווייל אויב עס איז פאַראַן אַ מאַנגל אין עפּעס אין די פּאַרטייען, וואָס אינטערעסירט שטאַרק אונדזערע פּאַרטיי־פירער, איז דאָס דער געלט־מאַנגל. דער חשבון זייערער איז געווען אָט־וואָס: די מאַסן האָבן מיר, צייטונגען האָבן מיר, פלאַץ האָבן מיר אויך, פאַרוואָס טאַקע ניט מאַכן אַ מאַלצייט בסעודת שלמה בשעתו פון דער אידישער ליטעראַטור? די פאַרלעגער בעטן קיין געלט ניט (אונדזערע פּאַרטיי־פירער ווייסן אויך, אַז דער בעטן איז ניט דער עיקר, עס בלייבט נאָך ביי זיי די ברירה צו געבן, און זיי נוצן טאַקע אויס זייער פּריווילעגיע על צד היותר טוב). ממה נפשך, וועט מען די ביכער פאַרקויפן, איז דאָך אוודאי גוט, וועט מען זיי, די פּאַר־

לעגער, אויך צואוואַרפן אַ ביינדל; אלא ניט — וועט מען צוריק־געבן די ביכער...

אגב איז נאָך אין דער „סאָציאַליסטישער פעדעראַציע" פאַר־בליבן פון דער „שלום־ושלוה־צייט" אַ רעכט ביסל פּאַרטיי־ליטע־ראַטור, וואָס איז געווען אַן „אוכל ואינו עושה", וואָס האָט נאָר געמוליעט אין די אויגן און פאַרנומען פּלאַץ. אַ „סייל" איז געווען די איינציקע געלעגנהייט פּטור צו ווערן דערפון און נאָך זען זיך מיט עטלאַכע גראָשן.

אָט דאָס איז אין קורצן די אַנטשטייאונג פון די „ביכער־סיילס".

*

דעם אָנפאַנג פון די אַלגעמיינע „ביכער־סיילס" האָט געמאַכט די „פרייהייט", שבת, דעם 29טן מערץ, 1924. דער אויספאַרקויף האָט אָנגעהאַלטן אַ קורצע צייט, ווייל די „פרייהייט" האָט גע־דאַרפט זיך איבערקלייבן פון 47 קריסטי סטריט, קיין 153 איסט בראָדוויי.

אַריינקלייבנדיק זיך אין דער נייער דירה, האָט די „פריי־הייט" — „אויפן אַלגעמיינעם פאַרלאַנג" — ווידער געעפנט דעם „סייל" פרייטיק, דעם 25טן אפּריל, 1924, ביז זונטיק, דעם 27טן אַפּריל, 1924. אויפן „סייל" האָבן זיי געהאַט מערסטנס ביכער פון פרעמדע פאַרלאַגן אין אידיש, רוסיש, פּויליש און ענגליש.

די „וועקערניקעס" האָבן דערהערט, אַז חברה „לינקע" טוען געשעפט און ווערן נתעשר פון דער אידישער ליטעראַטור, האָבן זיי זיך מתקנא געווען אין זיי. אָבער אַזוי ווי אַן אייגענעם פאַר־לאַג האָבן זיי נאָך צו יענער צייט ניט געהאַט, ווייל דעם גאַנצן פעקל ליטעראַטור־באַגאַזש האָט ביי דער צעטיילונג גע־ירש׳נט די „סאָציאַליסטישע פעדעראַציע", האָט זיי גאָט געהאָלפן, אַז דער „פאָרווערטס" איז גראָד דאַן אַרויס פון די ליטעראַטור־„ביזנעס", איז ווער אַנדערש האָט געקענט זיין דער באַשיינפּערלאַכער יורש פון די פאַרבליבענע ביכער, אויב ניט דער „וועקער"? האָבן זיי טאַקע מיט די ש י ר י י ם פון „פאָרווערטס" און ביכער פון כמעט אַלע אידישע פאַרלאַגן אין אַמעריקע און אין אייראָפּע, „גע׳ראַנט" אַ „ביכער־סייל" דעם 22טן דעצעמבער, 1924. דאָס איז געווען

אַן אויספּאַרקויף פאַר אויסשליסלאַך אידישע ביכער. (דער איינ־ציקער פּסול איז געווען אַן ענגלישער ווערטער־בוך.)

אביסל שפּעטער קומען אויך אַרויס מיט „סיילס" „דער פריינד", „פרייע ארבייטער שטימע", „דער קונדס" און אַנדערע זשורנאַלן. דער „טאָג" מאַכט אַן אויספּאַרקויף אויף אַלע אויס־גאַבן פון פאַרלאַג „ניי־צייט", וואָס ער האָט אָפּגעקויפט פאַר אַ שיבוש און פאַרקויפט עס, אגב, אויך פאַר אַ שפּאָט־ביליקן פּרייז. דאָס זעלבע טוט „די יידישע טאָגעבלאַט" מיט די אויסגאַבן פון פאַרלאַג „קולטור". די „פרייהייט" מאַכט ווידער אַ „סייל" — „לכבוד די דעלעגאַטן און געסט" צו דער אַרבעטער־רינג קאָנווענ־שאָן, אין מאַי, 1925.

*

„אַז די יום־טובדיקע טעג הויבן זיך אָן צו באַווייזן", מאַכט דער „פאָרווערטס" ווידער אַ „סייל" (פאַקטיש איז דאָס אַ „וועק־קער" „סייל", ווייל די אַרבעט ווערט געטאָן פון „וועקער־ניקעס" און די פּראָפיטן גייען פאַרן „וועקער"). אָבער שוין ניט אַ ריין־אידישן. ס'גייען שוין אויך אַריין רוסישע און ענגלישע ביכער. מען גיט ספּעציעל צוליב דעם אַרויס אַן אַכט־זייטיקן קאַטאַלאָג (גרויס פאָרמאַט), מיט די נעמען, נאָמינאַלע און רעדוצירטע פּרייזן פון די ביכער. דער „סייל" הויבט זיך אָן פרייטיק, דעם 2טן אָק־טאָבער, 1925 (ערב סוכות), און האַלט אָן די גאַנצע יום־טוב וואָך ביז זונטיק, דעם 11טן אָקטאָבער, 1925.

און אַז דער הונגער פון די מאַסן, וואָס האָבן, נעבאַך, גע־לעכצט נאָכן אידישן בוך, איז ניט געווען געזעטיקט, האָט מען געמוזט מאַכן, „אויפן אַלגעמיינעם פאַרלאַנג", אַן „אסרו־חג־סייל" דעם 17טן און 18טן אָקטאָבער. מען האָט אויך געמאַכט „סיילס" דורך די „פאָרווערטס"־אָפיסעס אין די גרעסערע שטעט, ווי קליוו־לאַנד, דעטראָיט, שיקאַגאָ, לאָס אַנדזשעלעס א. אַ.

דער הונגער פון די מאַסן „לינקס" האָט אויך געמוזט געזע־טיקט ווערן, האָבן די „פרייהייט־ניקעס" אויך געמאַכט אַן אויס־פאַרקויף פון פרייטיק, דעם 5טן נאָוועמבער, 1925, ביז זונטיק, דעם 15טן נאָוועמבער, 1925.

דער נאָכשלעפּנדיקער „אויפן אַלגעמיינעם פאַרלאַנג" איז שוין דעם מאָל ניט געווען. וואָס אַנבאַלאַנגט די פינאַנצן, דערוויסן מיר זיך פון זיכערע קוועלן, אַז אין די לעצטע צוויי „סיילס" פון

„רעכטס" און „לינקס" האט דער „וועקער" איינגעלייזט ארום עלף טויזנט טאלער און די „פרייהייט" — ארום פיר טויזנט טאלער.

דער כלומרשטדיקער דערפאלג און דער גאנצער טומל ארום די „ביכער־סיילס" האט אביסל פארפירט די ליבהאבער פון דער אידישער ליטעראטור און די מענטשן וועמען דער ענין איז נאענט. דאס האט זיי געמאכט צום דיינקען, אז ענדלאך איז געקומען די ישועה, ענדלאך איז דערפונדן געווארן דער ריכטיקער מיטל אויפצולעבן דעם אידישן ביכער־מארק, ס'וועט אויפגעלעבט ווערן דער אידישער פארלאגס־וועזן און ס'וועט זיך ווידער טומלען ווי אין די גוטע אלטע צייטן. ס'האט געיובלט די „קולטור" (11טן אקטאבער, 1925) וועגן דעם דערפאלג פון שיקאגער „פאר־ווערטס"־אויספארקויף, וואו 5000 (אפשר א טעות הדפוס) ביכער זיינען פארקויפט געווארן אין איין וואך, און עס ווערט דארט עדיטאריעל באטאנט, אז: „דאס באווייזט, אז דער אידישער ביכער־מארק איז נאך ניט אזוי טויט, ווי א סך שטעלן זיך פאר, אויב מען באנוצט נאר די ריכטיקע מעטאדן ביים פארקויפן דאס בוך".

די מעטאדן זיינען אפשר טאקע די ריטכיקע, אבער עס איז א קאפיטשקע א צו־טייערער ביסן פאר די מעגלאכקייטן פון אידישן בוך. איך וועל זיך אבער אויף דעם אפשטעלן אביסל שפעטער.

דערווייל אבער איז, צום באדויערן, די לאגע פון אידישן בוך ניט געענדערט געווארן צום גוטן. און עס פרעגט זיך: ביכער־„סיילס" מאי קא משמע לן? וואס האט מען אויפגעטאן מיט דעם לעצטן עקספערימענט? ווער האט פון דעם געהאט נוצן? און דער עיקר — וואס פאר א נוצן האט די אידישע ליטעראטור געהאט דערפון?

ווי איך האב שוין פריער, ביי אן אנדער געלעגנהייט, (שרייבנדיק וועגן אידישן בוך אין אמעריקע), אנגעציינט, פאדערט דער ענין ליטעראטור — און ספעציעל די אידישע ליטעראטור — פריער פאר אלץ א ריינע באציאונג. „רחמנא ליבא בעי". און אונדזערע „ביכער־סיילס" זיינען צו אונדז געקומען ניט אוים ליבע צו דער זאך, נאר צוליב זייטיקע אינטערעסן.

מען מוז באמת צוגעבן, אַז עס איז ביי אונדז אָפּגעזעצט געוואָרן אַ רעכט ביסל סחורה, דורך די „סיילס“. אָבער כמעט אַלע, חוץ די „אויספּאַרקויפער“ (אפשר אביסל אויך דער קויפער), האָבן דערפון גאַנץ קנאַפּע נוצן געהאַט. און וואָלטן די אויספּאַרקויפער געדאַרפט באַצאָלן פאַר אַלע אַנאָנסן און נאָטיצן אין די צייטונגען און זשורנאַלן, פאַרן פּלאַץ, פאַר דעם אַרויסהעלפן ביים פאַרקויף און פאַר אַלע קלענערע און גרעסערע זאַכן, וואָס וואָלטן דערביי געווען אומפאַרמיידלאַך, וואָלט ניט געקלעקט „קיין חלה אויף המוציא“. ווען אַ פּריוואַטער פאַרלעגער נעמט אונטער דעם ענין, וואָלט ניט נאָר ניט גענוג געווען די פּראָפיטן צו דעקן די אַלע אויבנדערמאָנטע ספּעציעלע אויסגאַבן, נאָר אפילו די גאַנצע גראָס איינּנאָמען וואָלטן אויך ניט געקלעקט אויף צו „סעטלען די בילס“.

שטעלט זיך נאָר פאָר, ווען דער „פאָרווערטס“ זאָגט צו די „וועקער־ניקעס“: „איך גיב אייך אין אַ משך פון אַ מאָנאַט צייט (און נאָך יום־טובדיקער צייט דערצו) אַרום 4-5 געוויינטלאַכע צייטונגס־זייטן אין „קאָונטרי“ און „סיטי־עדישאָן“, אויך אַ זייט אין אַ זונטיקדיקער ראָטאָגראַווויור אויסגאַבע; איר קריגט פאַר אייערע אַדווערטייזמענטס צוויי־ און דריי־קאָלומדיקע־קעפּ נאָטיצן אויף דער ערשטער זייט, פאַר אַ משך פון צוויי־דריי וואָכן, און איר קענט דעם „ספּייס“ אָנפילן מיט אַנאָנסן פון מעבל, פּיאַנאָס, ראַדיאָס, קליידער, באַנקן וכדומה; דערצו גיב איך אייך אויך מיין „האָל“, אַ גרויסן „מיילינג ליסט“, און „שטעל צו אייער דינסט“ מיינע אַלע „אָפיסעס“ און אָנגעשטעלטע איבערן גאַנצן לאַנד, וואָס וועלן „בומען“ און „פּושן“ די סחורה פון אייערע „אַדווערטייזערס“. קענט איר זיך פאָרשטעלן וויפיל מען וואָלט געצאָלט פאַר „ספּייס“ און וואָס פאַר אַ געוואַלדיקע גליקן דער „וועקער“ וואָלט געמאַכט? איין אונטערנעמונג אַזאַ וואָלט געזיכערט דעם „וועקער־ס“ עקזיסטענץ. האָבן אָבער די „וועקער־ניקעס“ אויסגענוצט דעם „פאָרווערטס“ גוטהאַרציקייט און ברייטגעביקייט צו אַנאָנסירן אידישע ליטעראַטור. און וואָס איז דער סוף? נאָך אַזוי פיל מי און אָנשטרענגונג מוז מען ווידער גיין זוכן נייע וועגן און מיטלען, נייע אונטערנעמונגען אויף „מאַכן אַ לעבן“.

אין דעם „פרייהייט"-פאַל האָט זיך שוין בעסער געלוינט. זיי האָבן פשוט געכאַפּט די אמתע מציאה. ווייל ערשטנס איז די אויסכאַפּעניש אויף „ספּיים" ביי זיי ניט אַזוי גוואַלדיק גרויס, און קיין עקסטרא פּלאַץ אויף צו פאַרקויפן די ביכער דאַרפן זיי אויך ניט האָבן. נאָך אַ קוועטש — און עס איז דאָ פּלאַץ פאַר ביכער אויך. און אַרויסהעלפערס זיינען, ברוך השם, דאָ לרוב. דאָרט שטייט מען דאָך אין „ליין" און מען וואַרט אויף „אַרבעט פאַרן אידעאַל", מעג עס זיין אפילו אַזאַ נאַציאָנאַליסטישע אַר־בעט ווי פאַרקויפן אידישע ביכער, — „זאָל זיין פון אַ קאָזאַק, אַבי צום לעבן".

און דער קויפער — האָט ער געהאַט נוצן דערפון? כ׳מיין פון מאַטעריעלן שטאַנדפּונקט. אפשר יאָ און אפשר ניין. מעגלאָך אַז צוליב די רעדוצירטע פּרייזן האָט ער זיך גראָד אָנגעקויפט מיט אַזעלכע זאַכן וואָס ער דאַרף ניט. פּונקט ווי יענע אידענע, וואָס גייט קויפן מציאות און קויפט אַ סך זאַכן, כאָטש זי דאַרף זיי גאָרניט האָבן, נאָר זאָל זיך פאַר אַ ביליקן פּרייז וואַלגערן אין הויז נאָך אַ חפץ.

דער שרייבער האָט פון דעם אודאי גאָרניט געהאַט, ווייל מען האָט דאָך ניט אַרויסגעגעבן קיין ספּעציעלע אויסגאַבן פאַרן „סייל", פון וועלכע דער שרייבער זאָל קריגן „ראָיאַלטיס" דערפון. אגב, זיינען גאַנץ ווינציק אָריגינעלע ווערק פאַרקויפט געוואָרן. דער „ביג ראַנער" איז געווען די איבערזעצונגען פון די אַלטע רוסישע שרייבער, ווי טאָלסטאָי, דאָסטאָיעווסקי, טורגעניעוו און אַנדערע.

די שרייבער, וואָס האָבן אַליין אַרויסגעגעבן זייערע ביכער, אויפן אייגענעם חשבון, האָבן אויך דערביי אַ קנאַפּן גליק געכאַפּט. ווייל מער ווי צו אַ 20־25 קאָפּיעס (דאָס איז שוין דער מאַקסי־מום) איז דורך דעם גאַנצן טומל ניט פאַרקויפט געוואָרן פון דעם מין.

די פאַרלעגער האָט עס אפילו אַ קאַפּיטשקע יאָ גוטס געטאָן, ווייל — ערשטנס האָבן זיי זיך געזען מיט עטלאַכע לעבעדיקע טאָלער: זינט דעם „פּיפּלס רעליף" ביכער אויפקויף, אין יאָר 1921, האָבן די פאַרלעגער אַזאַ „מנה יפה" אין די אויגן ניט געזען. דערצו איז אויך אַ שטיקל פּלאַץ אָפּגעליידיקט געוואָרן, אַ ביסל ווינציקער שטויב, ווערט ליכטיקער אין די אויגן. אָבער וואָס

קומט דערפון ארויס? „אין הקומץ משביע את הארי“, די אמת׳ע ישועה האבן פאר זיי די „סיילס“ נאך אלץ ניט געבראכט און די פארלעגער זיינען נאך אלץ אויף דיזעלביקע צרות. ווייל אין דורכ־שניט האט א פארלעגער פארקויפט פון 100 ביז 125 עקזעמפּליארן פון א מין. אגב וועט דער עולם איצט האלטן אין איין ווארטן (זיי וועלן, נעבאך, אויסקוקן די אויגן...) אויף א „סייל“, ווען ער וועט (די שעה זאל ניט זיין) נויטיקן זיך אין א בוך. ס׳איז גאנץ מעגלאך, אז אויפן „סייל“ וועט ער טאקע דעם בוך אויך ניט קויפן, אבער דערווייל, איידער וואס־ווען, האט ער פאר זיך א תירוץ. דאס איז, צום באדויערן, די פסיכאלאגיע פון א גרויסן טייל אידישע ביכער־קויפער.

די אידישע ליטעראטור האט ביז היינט צו טאג כמעט ווי גארניט געהאט פון דעם גאנצן טומל. כ׳מיין דערמיט צו זאגן, אז ס׳זיינען קיין נייע זאכן ניט אונטערגענומען געווארן, מיט דאס געלט, וואס די „סיילס“ האבן אריינגעבראכט. קיין נייע ביכער האבן די פארלעגער ניט ארויסגעגעבן. ווייל פריער פאר אלץ האבן די פארלעגער געמוזט פטור ווערן פון זייערע בעלי־חובות, וואס האבן זיי געדריקט. און ווען, חס וחלילה, א פארלעגער זאל זיך יא זען מיט עטלאבע איבעריקע טאלער, וואלט ער דאס געלט אויך ניט אריינגעלייגט אין אידישע ביכער.

דער אמתער אמת איז אט וואס: ארויסגעבן ביכער און ווארטן אויף צו פארקויפן זיי מיט היזק, לוינט זיך לכל הדעות ניט און קיינער טאר אזעלכעס פון די אידישע פארלעגער ניט פארלאנגען. דערפאר טאקע האבן אונדזערע פארלעגער פאר די לעצטע עטלאכע יאר אינגאנצן זיך ארויסגעטאן פון דעם ענין „ארויסגעבן“, און זיי (די „היברו“, „ליטעראַרישער פארלאג“, „יאנקאוויץ“) סטרא־שען אויף להבא מער גארניט ארויסגעבן.

פאר די לעצטע 2־3 יאר זיינען אין די אלטע איבערגעבלי־בענע פארלאגן דערשינען נאר: דר. י. שאצקים „שמחת הנפש“ פון אלחנן קירכהן, אין פארלאג „מאקס מייזל“; חיים שוים: „אידישע געשיכטע“, פערטער באנד, אין „ליטעראַרישער פארלאג“, און צו איין באנד איבערזעצונגען פון „ראלאנד“ און „שאפּענ־הויער“ אין פארלאג „מאקס יאנקאוויץ“.

די מערסטע ביכער, וואָס זיינען דערשינען פון יאָר 1921 אָן, זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן פון די שרייבער „אויפן אייגענעם חשבון", און אַ גרויסער טייל פון די ביכער, וואָס טראָגן דעם נאָמען פון אַן אַלטן פאַרלאַג, איז אויך „יש טעם בדבר", ווייל ערשטנס, איז עפּעס ניט־אַנגענעם דער געפיל (און אגב אויך ניט פּאַסיק) אַז עס געפינט זיך ניט קיין פאַרלעגער אַרויסצוגעבן „מיינע ווערק", טאָ זאָל שוין בעסער זיין אַ כּפּרה די „עטלאַכע טאָלער" אַבי ס'איז דאָ אַ „ווערק". צווייטנס, איז דאָך אַ פאַר־לאַג אַן אינסטיטוציע מיט אַן אייגענעם אַדרעס און טאַקע אַד־רעסן פון אַ ביסל בוכהענדלער און לעזער, קען דאָך דערפאַר אַמאָל פּאַסירן, אַז ס'זאָל אַהין ווען ניט איז פאַרבלאָנדזשען אַ באַשטע־לונג פון אַ בוכהענדלער אָדער אַ לעזער.

יאָ, עס איז געקומען די צייט פון והחזיקו שבעה שרייבער בפאַרלעגער אחד לאמר... נאַ דיר, טאַטעלע, מיין גאַנץ פאַרמעגן, אַבי גיב אַ קאַפּעטשקע אומשטערבלאַכקייט.

דאָס אייגענע קען ביז אַ געוויסן גראַד אויך געזאָגט ווערן וועגן ביכער פון די היגע שרייבער, וואָס ווערן אַרויסגעגעבן אין אייראָפּע. אַ טייל גיבן טאַקע אָן, אַז די ביכער זיינען „אַרויסגע־געבן פון מחבר". אין דורכשניט אָבער קלייבט זיך יעדער שריי־בער צו (פאַר זיין פאַרלאַג) אַ נאָמען, וואָס קלינגט אים אָמ־שענסטן. אויף אַזאַ אופן קומט אויס, וויפיל ביכער כמעט אַזויפיל (נעמען פון) פאַרלאַגן.

איך גיב דאָ אַ כמעט־גענויעם צעטל פון די שרייבער, וואָס האָבן אַרויסגעגעבן אָריגינעלע ווערק און איבערזעצונגען פון ענדע 1921 ביז יוני 1924. אַ קליינער טייל פון די ביכער איז געדרוקט געוואָרן אין אייראָפּע, און נאָך אַ קלענערער טייל אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַגן און געזעלשאַפטן (וואָס האָבן זיך אָרגאַניזירט ספּע־ציעל פאַר דעם צוועק):

אבן, י.; אַדלער, י.; אייזלאַנד, ר.; אַלמי, א. (א. ח. שעפּס); אַפּאַטאָשו, י.; אַש, ש.; בובליק, ג.; בוקשטיין, א.; בידערמאַן, א.; בלום, א.; ברוין, ד.; גאָלד, ה.; גאָלדבלאַט, דר. דוד; גוד־מאַן, פּ.; גודלמאַן, ה.; גלאַזמאַן, ב.; גראָס, נ.; דובאָווסקי, דר.; דייקסעל, ש.; דרימער, ה.; האַלפּערן, מ. ל.; וויינפּער, ז.; וויינ־שטיין, ב.; זאָלאָטאַראָוו, דר. ה.; זעצער, ש. צ.; טאָפּלאָוויץ, א.;

יוד, נחום; כאַנוקאָוו, ל.; לאַנדוי, ז.; ליבערמאַן, ח.; לייוויק, ה.; ליכט, מ.; ליליפּוט; ליפּצין, ס.; לעווין, ז.; לעיעלעס, א. (גלאַנץ, א.); מאַנידאָוו; מאַטעס, ל.; מאַרגאַלין, אננאַ; מיללער, ש.; מלמד, משה; מנחם; מעדעם, וו.; מעקלער, ד. ל.; מעריסאַן, דר. מ. י.; נאַטאַנזאָן, וו.; ענטין, י.; עפּשטיין, א.; ערדבערג, ש.; פּאָזנער, מ.; פּינסקי, ד.; פּערלמוטער, מ.; פרידמאַן, לוי; צביון; קאָברין, ל.; קאָהן, ס.; קאַלושינער, י. ל.; קאָרמאַן, מ.; קאַרפּילאָוו, מרים; קוסמאַן, ל.; קורץ, ש.; קלומאַק, א.; קלינג, ל.; ראָזענבוים, מ. מ.; ראָלניק, י.; ראָנטש, י. א.; רובין, מ.; שווייד, מ.; שטיינבערג, נח; שלום־עליכם; תלוש; תשר״ק. (אין דעם אָנגעגעבענעם צעטל ווערן ניט אַריינגערעכנט די צוזאַמענ־שטעלער פון עטלאַכע לער־ביכער.)

פון יוני, 1924, ביז איצט זיינען צוגעקומען עטלאַכע פאַרלאַגן. זיי האָבן אָבער קיין גרויסעם ניט אויפגעטאָן און אונדז בלייבט נאָך אַלץ אָ[illegible]ער צו וואַרטן אויפן גרויסן ריכטיקן פאַרלאַג, אויף וועלכן מיר וואַרטן שוין אַ לענגערע צייט.

איך וועל דאָ, אגב, פאַרצייכענען די לעצטע נייע פאַרלאַגן און אויסגאַבן:

פאַרלאַג „וועקער" האָט אַרויסגעגעבן „די געשיכטע פון דער ענגלישער אַרבעטער באַוועגונג" פון א. ראָזבורי, און 3 בענד פון ווערא פיגנער „מעמואַרן", איבערזעצט פון מ. אַשעראָוויטש.

פאַרלאַג „פרייהייט" האָט אַרויסגעגעבן 2 בענד ש. דייקסל: „10 איינאַקטערס" און „זיין מאַיעסטעט"; דוד מאַנעוויטש: „אין יענע טעג"; „לענין אַלבאָם".

דער פאַרלאַג „אינזל" איז ווידער אויפגעלעבט געוואָרן און ער האָט אָפּגעקויפט ביים פאָלקלאָריסט י. ל. כהן אַלע „פּלאַטן" פון זיין געוועזענעם פאַרלאַג „ניי־צייט", צווישן וועלכע ס׳גייען אַריין די ווערק פון: פּ. אַלטענבערג, י. אַפּאַטאָשו, ה. באַנג (אי־בערזעצט פון ר. אייזלאַנד), אָסיפּ דימאָוו, ב. לאַפּין, 2 בענד קופּרין (איבערזעצט פון מאַני לייב און אפרים אויערבאַך), אברהם רייזין (הומאָרעסקן־בוך) און 4 בענד פון דזשעק לאָנדאָן (איבער־זעצט פון מ. אָלגין, דר. מ. וויינבערג, נ. פערלמאַן און ה. ראָזענ־פעלד), ל. שאַפּיראָ און פּראַדל שטאָק. נאָר דער עיקר אויפטו פון פאַרלאַג „אינזל" איז דאָס, וואָס ס׳האָט זיך ענדלאַך אָנגע־

פאַנגען זעצן דער לאַנג־צוגעזאָגטער און דער לאַנג־דערוואַרטעטער גרויסער ראָמאַן פון דוד קאַזאַנסקי...*

דער פאַרלאַג „מתנות" ביים „שלום־עליכם פאָלקס־אינסטיטוט" האָט ארויסגעגעבן: „דער בער", פון פרץ הירשביין (געצייכנט פון ברוך אראָנסאָן); „דער קאַמיליאָן", פון פרץ הירשביין (געצייכנט פון אהרן גודלמאַן); „פּאַרבלאָנדזשעט", פון יעקב קרעפּליאַק (געצייכנט פון אהרן גודלמאַן); „משיח׳ס קרוין", פון יעקב קרעפּליאַק (געצייכנט פון אהרן גודלמאַן); „מוראַשקעס", פון ה. גאָלדבלום (געצייכנט פון אהרן גודלמאַן); „אין בלומען לאַנד" (אָפּערעטע), פון נ. קאַפּלאַן (מוזיק פון י. דייווידסאָן); „דער באַפרייטער" (אָפּערעטע), פון ז. וויינפער (מוזיק פון נ. זאַסלאַווסקי, געצייכנט פון י. קאַטלער), און 2 בענד „מעשהלאַך", פון כאַוער־פּאַוער (אילוסטרירט פון אהרן גודלמאַן).

דער פאַרלאַג „צווייגן" האָט ארויסגעגעבן די פאָלגנדיקע סעריע 10־סענטיקע ביכלאַך: תלוש — „ווען מיר זיינען קינדער געווען"; שלמה יודסאָן — „גאָטהאַרץ"; ה. זעלטשענקאָ — „יאָסל"; מ. טשודנאָווסקי — „שלמה קאַצאַפּ"; רחל לוריע — „זיבן ווייבער אין איינע"; מ. ווינאָגראַד — „דער גילדערנער קוש"; ד. ל. מעקלער — „די פּאַנענקאָ"; מ. אַשעראָוויטש — „נאָר ניט מיט יענער"; ב. סמאָליאַר — „ווי לייוויק איז געקומען צו זיין גולם"; תלוש — „דער חלום".

דער אַקאָרשט־פון־נאָדל־אַרויס פאַרלאַג „גראַהאַר־סטאַדאָלסקי" גיט אַרויס אַ באַנד לידער פון יעקב גלאַטשטיין און גרייט צו אַ ריי איבערזעצונגען פון ק. האַמסון, אָ. ווײַלד און אַנדערע.

חוץ די שוין אויבנדערמאָנטע זיינען דורך דער צייט דערשינען 6 בענד „שריפטן" פון יונה ראָזענפעלד; דר. נחמן סירקין: „געקליבענע ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע שריפטן"; גאָלדפאַדנס בוך; ל. קאָברינ׳ס „ערינערונגען פון אַ אידישן דראַמאַטורג", 2 בענד, און „אויף ווילדע וועגן"; ה. סעקלער׳ס „דראַמען", 2 בענד; נ. גראָס — „דער ווייסער ריטער"; קאַצאָוויטש — „דאָס אייביקע פאָלק"; חיים קאַנטאָראָוויטש —

* דער ראָמאַן איז נאָך ביז איצט ניט דערשינען, אָבער מען פאַרזיכערט אונז, אַז עס האַלט שוין נעענטער ווי ווייטער.

„אין ליכט פון מארקסיזם“; צבי הירש מאסליאנסקי — „זכרונות“;
ז. וויינפער — „גאלד און גרין“; ל. פיינבערג — „ערב שטורעם“;
אב. גאלדבערג — „גרענעצען“; מ. וויגאגראד — „מיינע יארן“
תשר״ק — „אלע משלים פון דובנער מגיד“, 2 בענד; א. ד. אגוז
— „חובות הלבבות“; מ. שיפרים — „ראכאמא“; י. י. שווארץ
— „קענטאקי“; א. ראפאפארט — „דורך פייער־וועגט“; ל. כא־
נוקאוו — „אין פרומע שעהן; א. קאטיק — „דאס לעבן פון א
אידישן אינטעליגענט“; פ. קראפאטקין — „עטיק“; א. רעוואוצ־
קי — „אין די שווערע טעג אויף אוקראינע“; נ. ב. מינקאוו —
„לידער“; אלף כץ — „א מעשה פון ים“; מ. ליכט — „עגא־
עמען“; פוילא הורוויץ — „ליליפוט ווערטערבוך, אידיש־ענגליש“;
מ. מ. ראזענבוים — „עראינערונגען פון א סאציאליסט־רעוואלו־
ציאנער“; מיכל געלבארט — „לאמיר קינדער זינגען“; א. קאר־
לין — „די באלאדע פון רעדינג טורמע“; דר. א. אייסען — „דער
געפאנגענער פון שילאן“ און „רוביאט“; הלל ראגאף — „די גע־
שיכטע פון די פאראייניקטע שטאטן“, 2 בענד; א. ש. זאקס — „די
געשיכטע פון ארבעטער־רינג“, 2 בענד; א. אלמי — „כינעזישע
פילאזאפיע און פאעזיע“; ל. קראסקאף — „אויפן גלייכן וועג“;
ש. ראסקין — „ארץ־ישראל אין ווארט און בילד“; נ. קאפלאן —
„סימפאני מוזיק“; אהרן ניסענזאן — „מעטעארן“; מ. ש. שקלאר־
סקי — „דאס אידישע בוך אין אמעריקע“; י. ראלניק — „לי־
דער“; י. י. סיגאל — „לידער“; סעם ליפצין — „רויטע פעפער־
לאך“; י. קאפילאוו — „אמאל איז געווען“; י. גודמאן — „לי־
דער“; מענדלביילים — „די געשיכטע פון מיינע ליידן“; ראזע
שעהנפעלד — „בילדער פון לעבן“; אלכסנדר לעווינסאן — „לי־
דער“; מ. פריליכאוו — „מאדזיני“; פ. בימקא — „טונקעלע
געשטאלטן“, „העלע בליקן“ און „גאלדענע צויטן“; חיים־בן־בתיה
— „צוריק צו זיך“; „פון צייט צו צייט“, ביי דער נאענטסטער
מיטארבעטערשאפט פון: י. אפאטאשו, ה. לייוויק און א. לעיע־
לעס; י. ד. גאלדמאן — „די קארופציע פון הייראט“; דזשאן
א. דייטש — „די רואינע פון דער קלאוק אינדוסטריע“; ח. ב.
קאזשדאן — „דער ריח פון דער ערד“; חיים ליבערמאן — „ערנסט
טאלער“; ל. פארעם — „ראסט“; ע. ב. — „ברייטבארט“; אויך
צו איין בוך פון: ה. רויזנבלאט, י. גויכבערג, חיים קרול און י.

שווארץ. אויב מיר וועלן נאָך צוגעבן די עטלאַכע לער־ביכער פון יעקב לעווין, י. שטיינבוים, ב. אסטראָווסקי און ש. הורוויץ און די אידישע פאָלקס־לידער אויסגאַבן פון פאַרלאַג „יוסף פ. קאַץ", וועלן מיר דאָ האָבן אַ כמעט געגויעם צעטל פון אונדזער ביסל אָרעמ־קייט, פון אונזער גאַנצער אידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע.

*

איך בין אַביסל אַרונטער פונם דרך הישר — אַוועק פון ענין „ביכער־סיילס" און זיך אָפּגעגעבן מיט פאַרצייכנען די לעצטע אויסגאַבן. איך האָב אָבער דעם טייל אומישנע אַריינגעשטעלט אַהער, ווייל אונזער פּרעסע וועט קיין געלט און פּלאַץ פאַר אַזאַ (פון זייער שטאַנדפּונקט) מינדערוויכטיקן ענין ניט אָפּגעבן, און איך האַלט, אַז דער ענין איז אַ גאַנץ וויכטיקער פאַר די, וואָס זיינען פאַראינטערעסירט אין וואוקס פון דער אידישער ליטעראַ־טור.

און איצט צוריק צום ענין: האָבן די „ביכער־סיילס" געשאַפן באַציאונג צו דער אידישער ליטעראַטור בכלל און צום אידישן בוך בפרט?

מיט מיין בעסטער באַציאונג צו די מענטשן און זייער אַר־בעט, מוז מען צוגעבן, אַז: צוקוקנדיק זיך צו די „סיילס", מוזן מיר קומען צום שלוס, אַז: צו אַ סחורה, וואָס ווערט פאַרקויפט בזיל־הזול, פון מענטשן, וואָס האָבן צו דעם ענין אַליין אויך קיין ברעקל באַציאונג ניט קען קיין רעכטס ניט געשאַפן ווערן און קיין גוטס ניט אַרויסקומען. נאָר פאַרקערט: דאָס איז ערשט דאָס ריכ־טיקע אָפּשוואַך־מיטל און העלפט פאַרטרייבן די, וואָס האָבן אַמאָל יאָ געהאַט אַ שטיקל באַציאונג צום בוך און צום אידישן שרייבער.

די פראַגע פון לייענען, דאָס הייסט: לייענט מען די געקויפטע ביכער? איז זייער שווער צו פאַרענטפערן. דאָס איז אַן ענין, וואָס קיינער קען באַשטימט ניט פעסטשטעלן.

דער איינציקער פּלאַץ, וואָס מיר זיינען באמת זיכער, אַז די ביכער ווערן געלייענט (און מען קען כמעט גענוי אָנגעבן זייער צאָל) איז די שטאָט־ביבליאָטעק. דער שכל איז אַ גאַנץ פּשוטער. אויב מען נעמט זיך די מי צו קומען אין דער ביבליאָטעק (ווייל קיינער צווינגט דאָך קיינעם ניט דאָס צו טאָן) נאָך אַ בוך, לייענט מען טאַקע. דאָ דאַרף מען זיך ניט אויספיינען פאַר חברים און

חברות, אזוי ווי אין דער אלטער היים אמאל אין קליין שטעטל, און ס׳קען ניט געמאלט זיין דער בארימטער פאל, וואס מען דער־ציילט וועגן דעם, אז ס׳האט אמאל א ביבליאטעקאר געהאט א פארדאכט אויף א לעזער, אז ער אדער זי לייענט ניט די ארויס־גענומענע ביכער, ווייל ער אדער זי נעמט צו אפט ארויס ביכער פון ביבליאטעק און ברייגגט זיי צו שנעל צוריק בייטן אויף אנ־דערע ביכער. דער לעזער פלעגט די ביכער נעמען אויף דער רע־קאמענדאציע פון דעם ביבליאטעקאר. איז דער ביבליאטעקאר גע־פאלן אויף א המצאה און ער האט דעם לעזער רעקאמענדירט „קירפיטשניקאווס גראמאטיקע״, און ווען דער לעזער האט אויף צומארגנס צוריקגעבראכט דעם בוך מיט נאך איינעם אדער צוויי פון נעכטן גענומענע ביכער „איבערגעלייענטע״, האט ער אים גענומען אויפן צימבל און געפרעגט ווי ס׳געפעלט אים דער ראָ־מאן, און מיט וואס האט זיך עס געענדיקט. האט דער לעזער אויפגעמישט די ערשטע זייט און האט גאנץ נאאיוו געענטפערט: „די ענדע איז אזוי ווי אין אלע ראמאנען, גאנץ פשוט, „קירפיטש־ניקאוו״ האט זיך געשאסן און „גראמאטיקע״ האט זיך אויפ־געהאנגען״...

אין די שטאט־ביבליאטעקן פארנעמט נאך אלץ די אידישע ביכער־צירקולאציע דעם אויבנאן (לויט פראפארציע) צווישן אלע אנדערע פרעמד־שפראכיקע ליטעראטורן.

פון די אפיציעלע באריכטן פון די ניו־יארקער שטאט־ביב־ליאטעקן נעמען מיר ארויס פאלגנדיקע ציפערן, וועגן זייער אידי־שער ביכער־צירקולאציע פאר די לעצטע עטלאכע יאר:

יאר	סיווארד פארק ברענטש	גאנץ ניו־יארק
1919	18,127	74,493
1920	18,218	80,107
1921	24,188	104,761
1922	21,627	103,724
1923	23,827	97,346
1924	24,756	100,433

דער אפיציעלער באריכט פארן יאר 1925 איז נאך ניט ארויס פון דרוק.

דאָס פאַלן פון דער צירקולאַציע אין די יאָרן 1922-23 ווערט פון אַ גרויסע צאָל ביבליאָטעקאַרן צוגעשריבן צו דעם, וואָס די ביבליאָטעקן קריגן ניט גענוג געלט איינצוקויפן נייע ביכער. אַנ־שטאָט דעם וואָס מען פלעגט פאַר די לעצטע עטלאַכע יאָר אין דעם „סיוואַרד פּאַרק ברענטש" (איסט בראָדוויי און דזשעפערסאָן סטריט) אַליין אַריינגעמען צו 6 און 8 עקזעמפּליאַרן פון איין בוך, נעמט מען איצט צוליבן געלט־מאַנגל אַריין ניט מער ווי איינעם.

אין דער אַלגעמיינער צירקולאַציע פון די ענגלישע ביכער אין די ניו־יאָרקער שטאָט־ביבליאָטעקן איז געווען (לויט פּראָפּאָרציע) נאָך אַ גרעסערער פאַרלוסט ווי אין די אידישע ביכער.

אין יאָר 1923 האָבן זיי געהאַט 682,940, אַ פאַרלוסט אין ציר־קולאַציע אין פאַרגלייך מיטן יאָר 1921.

אגב, ווען מען נעמט אין באַטראַכט, אַז די אָפּטיילונגען פון די שטאָט־ביבליאָטעקן, וואָס געפינען זיך אין די אידישע געגענטן, זיינען שטענדיק געפּאַקט מיט מענטשן — עס טוט זיך דאָרט אויף טיש און אויף ביינק, — מ׳זיצט דעם גאַנצן טאָג און מ׳לייענט אידישע ביכער, דערצו סטייעט ניט קיין פּלאַץ צום זיצן פאַר אַלע באַזוכער און אַ רעכט ביסל זיינען פשוט צוליב מאַנגל אין פּלע־צער געצוואונגען צו שטיין און לייענען — קומט מען ערשט צום באַשלוס, אַז די אָפיציעל־אָנגעגעבענע אידישע־ביכער־צירקולאַציע איז ווייט ניט אין ערך קלענער ווי די אמתע צאָל ביכער וואָס ווערן דאָרט געלייענט, ווייל די אויפן־אָרט געלייענטע ביכער זיי־נען חוץ לחשבון און ווערן ניט אַריינגערעכנט אין די אָנגעגעבענע ציפערן פון די אָפיציעלע באַריכטן.

אין דעם לעצטן סך־הכל איז אַזוי: מיט רעדוצירטע פרייזן וועט מען די אידישע ליטעראַטור, דעם אידישן בוך און דעם אי־דישן שרייבער ניט ראַטעווען. אויב עמיצן איז די אידישע ליטע־ראַטור ליב און טייער, מעג ער זיך לאָזן קאָסטן אויף דעם עטלאַכע טאָלער. די שרייבער און די פאַרלעגער מוזן ניט זיין די שעיר־לעזאזלס. דער אידישער לעזער מעג אויך ברענגען אַ שטיקל קרבן (משטיינס געזאָגט), איבערהויפּט ווען דער „קרבן" באַשטייט אינ־גאַנצן פון עטלאַכע טאָלער, פאַר וועלכע ער קריגט אָן צווייפל זיין געלט־ווערט, פונקט אַזוי ווי אין וועלכער ניט אַנדער שפּראַך און ליטעראַטור.

אויף קרומע וועגן

דער דאַמאָקלעס שווערד הייננט נאָך אַלץ איבערן גורל פונם אידישן ביכער־מאַרק אין אַמעריקע.

די לעצטע צייט האָט מען דעם ענין כמעט אינגאַנצן שוין אויפגעגעבן, מען האָט שוין אפילו אויפגעהערט צו זוכן אַ רפואה פאַר דער מכה, מען האָט זיך באַנוגנט מיט דעם, וואָס מען האָט זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן און געהאָלפן מיט אַ קרעכץ. מיט דעם האָט מען, ווי ס'ווייזט אויס, אַפּגעטאָן די פליכט און אַ סוף.

דער איינציקער וואָס איז באמת אַקטועל פאַראינטערעסירט אין דעם ענין (און אויף וועמען ס'איז אַ גאָט'ס רחמנות) איז דער אידישער פאַרלעגער. אָבער וואָס קען ער נעבאָך אַליין טאָן? איינער איז קיינער! אַלע זיינע געוועזענע פריינט האָבן אים דעזערטירט. מען האָט אים איבערגעלאָזט אויף גאָטס באַראָט און ער זינקט נעבאָך אין חובות איבערן קאָפּ.

אמת, דורך דער צייט וואָס מען האָט זיך פאַראינטערעסירט און געשריבן וועגן קריזיס אויפן אידישן ביכער־מאַרק, האָט מען דעם פאַרלעגער ניט פאַרשוויגן און אויך ניט געשאַנעוועט. מען איז געקומען צו אים מיט טענות מכל המינים. ערשטנס — אַז ער האָט ניט אַרויסגעגעבן די ריכטיקע סחורה. צווייטנס — אַז ער איז ניט קיין פּויאיקער געשעפטסמאַן. דריטנס — אַז ער האָט ניט געשאַפן דעם געהעריקן אַפּאַראַט אויף צו פאַרשפּרייטן די אַרויסגעגעבענע ביכער, און נאָך אַ סך גערעכטע און מערנסטנס אומגערעכטע טענות.

איך וויל דאָ איצט ניט פאַרנעמען זיך מיט די אויסזעצונגען פון די בעלי הטענות און אָנצייגן אויף ווי ווייט זיי זיינען אומגערעכט, ווייל איך האָב שוין ביי פריערדיקער געלעגנהייט גערעדט וועגן דעם ענין באריכות. אָבער לאָמיר אפילו, לשם אַרגומענט, אָננעמען, אַז די טענות זיינען גערעכטע, אַז די פאַרלעגער זיינען טאַקע אומפּייאיקע, די איגאַנצן שולדיקע. האָבן זיי זיך דען אַנטקעגנגעשטעלט מיט האַק און האַמער און ניט צוגעלאָזן קיין נייע פאַרלעגער אַז די אויבנדערמאָנטע חסרונות? האָבן זיי

דען פאר זיך פארבאפט די בכורה און קיינעם ניט צוגעלאזן צום פסוק? אדרבה, פארקערט! יעדער פרואוו פון א נייעם מענטשן מיט א ביסל מעגלאבקייטן (אדער פארמעגלאבקייט) איז פון די אלטע פארלעגער מיט פרייד אויפגענומען געווארן, און דאס, וואס ס'האט זיך דעם נייעם, דעם צוגעקומענעם פארלעגער אויך ניט איינגעגעבן, איז זיכער ניט די שולד פון די פריערדיקע גוט־מיי־נענדיקע פארלעגער.

איך וואלט דאס אילוסטרירט מיט אזא ביישפיל:

מענטשן, וואס זיינען אנהייגער פון א געווּיסן אידעאל, האבן גערופן א פארזאמלונג. אדער אראנזשירט א קאנצערט, כדי צו קענען פראפאגאנדירן, אדער כדי צו שאפן מיטלען, אויף צו האבן מעגלאבקייטן צו פארשפרייטן זייער אידעאל. ווען עס פאסירט, (ווי דער שטייגער איז), אז דער ברייטער עולם איז טויב צו זייער רוף און איז ניט פאראינטערעסירט אין זייער ענין, און די אונטער־נעמונג ווערט באזוכט — לאמיר זאגן — פון א גאנץ קליינער צאל מענטשן, וואלט ניט געווען א לכל־הדעות־דיקער אומרעכט געגן די באזוכער, ווען עמיצער פון די אוטערנעמער זאל ארויפ־גיין אויף דער פלאטפארמע און האבן טענות צו די פארזאמלטע פארן קליינעם באזוך? ! מיט וואס האבן זיך די פארזאמלטע פארזינדיקט? זיי האבן דאך זייער חוב געטאן און געקומען און מען קען זיי פאר קיין פאל ניט האלטן פאראנטווארטלאך פאר דעם דרויסנדיקן עולמס גלייכגילטיקייט צו דער זאך.

אין אט דעם פאל זיינען אונזערע פארלעגער, אט דער קליי־נער עולם, דער הייפעלע באזוכער, וואס איז גראד יא געקומען צו דער אונטערנעמונג. ווייל עס קען קיין חלוקי־דעות ניט זיין, אז דער אידישער בוך איז יעדן אידנס ענין, ניט נאר דעם פארלע־גערס, און מען טאר צו זיי דערפאר קיין טענות ניט האבן, ווייל זיי האבן אויסגעפרואווט אלע מעגלאבקייטן.

וואס אנבאלאנגט געשעפט, האט יעדער פון די פארלעגער פריער געוואוסט, אז אינוועסטירן דאס געלט אין אן אנדער גע־שעפט, זיינען זיכער דא מער מעגלאבקייטן אויף פראפיטן, ווי אין ארויסגעבן אידישע ביכער.

די טיפע אורזאכן וואס ברייגנען א מענטשן צו ווערן א אידי־שער פארלעגער וועלן מיר איבערלאזן פאר א שטודיע צו פראפע־סאר פרויד'ן, אבער איין זאך וואס מען קען באשטימט זאגן

איז, אז די אידישע פארלעגער זיינען ניט געקומען צום אידישן בוך צוליב די גרויסע מעגלאכקייטן פאר די מיליאנען־דאלארדיקע פראפיטן, וואס שטעקן אין דעם געשעפט.

די גרעסטע אידישע ליטעראטור־פארלעגער, סאי די דא ביי אונז אין ניו יארק, און סאי די אויף יענער זייט ים, אין ווילנע און אין ווארשע, האבן קיינמאל ניט געגרייכט און קענען ניט דער־גרייכן (לויט פראפארציע) צום סטאנדארד פון לעבן פון א גע־ווינלאכן פאבריקאנט אין וועלכן ניט איז אנדער פאך.

אונזערע פארלעגער פארדינען ניט גענוג אויף דאס אומבא־דינגט נויטיקסטע, וואס א געוויינלאכער מענטש דארף און מוז האבן, צווישן דער געזעלשאפט אין וועלכער ער פארקערט. היינט אויב ניט דאס געלט, מוז דאך זיין עפעס אנדערש, וואס רייצט און ציט א מענטשן צו ווערן א פארלעגער.

און דער הויפט־פאקטאר (לויט מיין דערפארונג מיט אונדזערע פארלעגער) איז דא דער יראת־הכבוד און די באציאונג צו דער אידישער קולטור און אירע שאפער.

ניט קוקנדיק אויף זיין פת במלח תאכל'דיקער, ומים במשורה תשתה'דיקער מערכה, וויטיקט דער פארלעגער, פארוואס ער קען ניט ארויסברייגנען אויף דער ליכטיקער וועלט אזעלכע זאכן, וואס וואלטן, לויט זיין מיינונג, געווען א גרויסער געווינס פאר דער אי־דישער ליטעראטור.

עטלאכע ביישפילן:

אנומלט טרעפט מיך א באקאנטער פארלעגער און באקלאגט זיך שטארק אויף זיין געדריקטן מצב. ער איז פארשולדיקט אי־בערן קאפ. די בעלי־חובות לאזן אים ניט צורו. ער וויל פטור ווערן פון גאנצן געשעפט און א סוף. ער בעט זיך ביי מיר, אז איך זאל אים א טובה טאן און פארקויפן זיינע עטלאכע טויזנט ביכער וואס ער האט אויפן לאגער. נאך א לייגנערן שמועס, שטים איך ענדלאך איין העלפן אים ארויסקריכן פון דער צרה. און ווען איך פרעג, וואס ער וועט טאן מיטן איינגעלייזטן געלט, צי וועט ער אפצאלן די חובות און זיך איינגאנצן אפטרייסלען פון דעם עסק, קוקט ער מיך אן פארוואונדערט און ענטפערט מיר מיט א פראגע: „און וואס וועט זיין מיט ראבאי'ס „א איד אין אמעריקע"? די זאך

געפעלט מיר זייער־זייער שטארק! אגב האב איך בדעה מיט א טייל פון איינקאסירטן געלט ארויסגעבן א זאמלבוך, פון זאכן, וואס אין אונזער פרעסע איז פאר דעם קיין פלאץ ניטא".

ביישפיל נומער צוויי:

כמעט יעדער אידישער אינטעליגענטער לעזער אין אמעריקע און איבער דער גאנצער וועלט, ווייס פון פארלאג „מאקס נ. מייזל און קאמפאניע". ער איז איינער פון אונזערע עלטסטע פארלאגן אין אמעריקע, מיט א גרויסן געשעפט און קאטאלאג פון עכטע ליטעראטור. ער קען (אין פראפארציע) זיך ניט פארשעמען געגן די שענסטע גוי׳שע פארלאגן. און פונדעסטוועגן פארט נאך מייזל ניט ארום אין קארעטן. און ביי דעם איצטיקן צושטאנד אויפן אידישן מארק, איז ער אויך געצוואונגען געווען אפצושטעלן דאס ארויסגעבן פון נייע זאכן. ער האט אבער ערשט מיט א יאר צוויי צוריק ארויסגעגעבן אלחנן קירכהן׳ס „שמחת הנפש" מיט א קול־טור־היסטארישן ארייגפיר פון דר. י. שאצקי. געדרוקט בלויז אין 500 עקזעמפליארן, פראכט אויסגאבע. (פון וועלכן ס׳איז אגב ביז היינט צו טאג ניט פארקויפט געווארן מער ווי ארום 150 קאפיעס), ווייסנדיק אין פאראויס, אז ער וועט דערצו צולייגן עטלאכע הונ־דערט דאלאר.

פאראן ביי אונז ביכער וואס ווערן ארויסגעגעבן פון די פאר־פאסער אליין, און די פארלעגער, וואס זיינען דא, ביי אונז אין אמעריקע, אויך ביכער־פארקויפער, העלפן די שרייבער מיט דעם, וואס זיי נעמען ביי זיי צו א גרעסערע צאל עקזעמפליארן, ניט קוקנדיק אויף דעם וואס זיי ווייסן אין פאראויס, אז די ביכער וועלן ביי זיי דארפן ליגן עטלאכע יאר.

לעצטנס האבן א גרופע שריפטשטעלער אויף זיך גענומען די איניציאטיוו און ארויסגעגעבן א בוך לידער פון א יונג־פאר־שטארבענעם חבר. דער פארשטארבענער איז געווען א גאנץ פיי־נער פאעט, האבן די קאלעגן ניט געוואלט, אז זיינע שאפונגען זאלן פארלארן גיין, האבן זיך די מתעסקים צוזאמענגערעדט און האבן בייגעטראגן צו פינף אדער העכסטנס צו צען דאלאר א יע־דער. דער י. ל. פרץ שרייבער פאראיין האט אויך צוגעלייגט א האנט. אבער ווען מ׳איז געקומען צו א פארלעגער איז מען בא־שטאנען, אז ער מוז ניט אנדערש נעמען הונדערט עקזעמפליארן,

און ניט קוקנדיק אויף די אפּוועגדונגען און טענות פון דעם פאַר־לעגער, אַז ער איז צופרידן בייצוטראָגן אַזאַ סומע ווי יעדער פון די גרופּע קלאָגן האָט בייגעטראָגן, ווייל „עס פאַרקויפט זיך זייער ווינציק ביכער — און דערצו נאָך לידער", האָט ער דאָך סוף כל סוף נאָך אַלע טענות גענומען הונדערט עקזעמפּליאַרן, פאַר וועלכע ער האָט אָגב באַלד באַצאָלט איבער הונדערט דאָלאַר.

די קלאָגן פון זייער זייט האָבן איינגעלייגט וועלטן, געשריבן נעקראָלאָגן, געמאַכט אַ מעמאָריאַל אָוונט, אַראַנזשירט אַ יאָרצייט אָוונט, זיי האָבן געאַרבעט אויף אַלע כלים, אויסגענוצט כמעט אַלע מעגלאַכקייטן, אָבער אָן רעזולטאַטן. ס'איז שוין באַלד איבער אַ יאָר, ווי דער בוך איז דערשינען, און ביים פאַרלעגער ליגן נאָך אַלץ אַ גרויסע צאָל אומבאַפּלעקטע קאָפּיעס. און אויב עס האָט אַזוי לאַנג געדויערט צו פאַרקויפן די ערשטע עטלאַכע צענדליק עקזעמפּליאַרן, קען מען זיך משער זיין, ווי לאַנג עס וועט געדויערן ביז דער פאַרלעגער וועט אַרויסקריכן מיט זיינע עטלאַכע גראָשן.

כדי איר זאָלט מיר ניט דאַרפן גלויבן אויפן וואָרט, וועל איך אייך בעסער אויסזאָגן דעם סוד, אַז איך האָב דאָ אין זינען דעם בוך „געזאַמלטע לידער" פון ראובן לודוויג, צוזאַמענגעשטעלט פון ריוואַ לודוויג און א. לעיעלעס, אַרויסגעגעבן פון קלאָגן און פריינט מיט דער הילף פון י. ל. פּרץ שרייבער פאַראיין, ניו יאָרק, 1927. און אַז דער באַטרעפנדער פאַרלעגער איז דער אויבנדערמאָנטער „מאַקס נ. מייזל".

אפילו דער פאַרלאַג „מאַקס יאַנקאָוויץ" האָט אויך אַרויס־געגעבן אַזעלכע ביכער, פון וועלכע ער דערוואַרט ניט קיין פּראָ־פיטן, נאָר ער האָט זיי אַרויסגעגעבן כדי דער עולם זאָל לייענען און באַקאַנט ווערן מיט דעם ענין וואָס ווערט באַהאַנדלט אין בוך. אַזוי האָט ער אַרויסגעגעבן ראָבערט אינגערסאָל'ס „טעות'ן פון משה רבינו", דאָס איז אַ דאַנק זיין קאַמף מיט גאָט, מיט וועמען ער איז שטאַרק ניט שוה בשוה.

אגב וועט דאָ אפשר זיין אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז דער קאַמף מיט גאָט איז ביי מ. יאַנקאָוויץ'ן אַזאַ פאַרשאַרפטער, אַז ער וועט ניט פאַרקויפן אַ טלית אָדער אַ פאָר תפילין, סידורן ער וועט אין דעם פאַרדינען אַ צוויי־דריי הונדערט פּראָצענט... (אַז עסן חזיר, זאָגט ער, זאָל עס רינען איבערן מאָרדע), אין דער

צייט, וואָס פאַרקויפנדיק אידישע ליטעראַטור שטעלט ער זיך צופרידן מיט אַ פאַרדינסט פון 10 און אפילו 5 פּראָצענט. לעצטנס האָט ער אַרויסגעגעבן לאָרד בייראָנס „אידישע מעלאָדיעס" (איבערזעצט פון דר. א. אייסען) אויך ניט צוליב מאַטעריעלע נוצן. דאָס וויל ער באַנוצן אַלס „וויזאַ" צו ווערן פאַררעכנט צווישן די בעסערע פאַרלעגער.

נאָך אַ ביישפּיל:

די אַרויסגעבער פון „מאָרגען זשורנאַל" האָבן מיט עטלאַכע יאָר צוריק אַרויסגעגעבן דעם „ענגליש־אידיש־ענציקלאָפּעדישער ווערטער־בוך" און אַריינגעלייגט אין דעם עטלאַכע צענדליק טויזנט דאָלער, ניט דערוואַרטנדיק קיינמאָל אַרויסצונעמען פון דעם בוך אַזאַ גרויסע סומע.

דערצו ווערט דער פאַרלאַג ווען ביי אונדז אינגאַנצן פאַרשוויגן. אויף אַ בוך רופט מען זיך נאָך ווי ניט איז אָפּ, אָבער אַ פאַרלאַג מאַן דבר שמיה.

אָט איז פּונקט מיט אַ יאָר צוריק, אין אַפּריל, 1927, געוואָרן 25 יאָר אַז דער גרעסטער און עלטסטער פאַרלאַג אין אַמעריקע (ביי היינטיקן טאָג) „די היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני" האָט זיך געגרינדעט, און וואָס פאַר אַ מיינונג מען זאָל ניט האָבן פון דעם דערמאָנטן פאַרלאַגס אויפטואונגען פאַרן אידישן בוך אין די לעצטע עטלאַכע יאָר, ער איז אָבער זיכער געווען איינער פון די פּיאָנערן אויפן נייעם באָדן, וואָס האָט אַ רעכט ביסל לעזער געשאַפן און אויפגעהאַלטן. און איך האָב אין ערגעץ ניט באַמערקט אפילו מיט איין וואָרט דערמאָנט דעם גאַנצן ענין. ס'איז טאַקע אמת אַ פּריוואַט געשעפט, אָבער דער ענין אידישער בוך איז דאָך, אָדער — מעג דאָך אונז אידישע לעזער און קולטור־טוער זיין אַביסל נאָענט צום האַרצן. מיר מעגן זיך מיט דעם אויך אַביסל אינטערעסירן.

כ'וואָלט געקענט ברענגען אַ סך אַזעלכע ביישפּילן פון פאַרלעגער, וואָס האָבן אַרויסגעגעבן ביכער לשמה, אָדער פון גאַנצע פאַרלאַגן, וואָס זיינען געגרינדעט געוואָרן ניט לשם געשעפט, נאָר פּשוט אויף געבן דעם אידישן לעזער אַ געלעגנהייט צו לייענען דאָס וואָס ער דאַרף לייענען. אָבער ניט דאָס איז דאָ דער עיקר, ווייל איך וויל זיך דאָ ניט אָננעמען דעם פאַרלעגערס קריוודע.

איך מיין ניט, אז מיר זאָלן לאָזן האַק־און־פּאַק און זיך נעמען קעכלען דעם פאַרלעגער, ווייל אויפן פאַרלעגער קען מען נאָך אויך געפינען אַ רעכט ביסל פּגימות. אָבער וועגן דעם אַ צווייטן מאָל.

איך דערמאָן דאָ דעם פאַרלעגער ניט מער אויף אַזוי ווייט ווי ער האָט צו טאָן מיטן בוך, זיין באַציאונג צום בוך. און וויל אגב אָנצייגן אויף דער אומפּאַרצייליכער נאַכלעסיקייט און פאַרברע־כערישע באַציאונג מצד די אינטעליגענץ אונדזערע, ביי וועמען דער אידישער בוך האָט געדאַרפט זיין דער הויפּט ענין אויפן טאָג־אָרדנונג, אָבער זיי האָבן פּשוט אינגאַנצן פאַרגעסן אַן אידישן בוך.

אגב אָט נאָך וואָס:

ס'איז שוין ביי אונז אויף דער אידישער גאַס, דורך די לעצ־טע עטלאָכע יאָר, געוועז סימפּאָזיומס, וואָס זיינען אָראַנזשירט געוואָרן פון פאַרשיידענע קולטורעלע אָרגאַניזאַציעס, וועגן וואָס איר ווילט הערן און געדענקען. דער י. ל. פּרץ שרייבער פאַראיין האָט דורכן לעצטן סעזאָן אַליין אָראַנזשירט אַרום אַכט אָדער צען קולטור־אָוונטן; די „ליטעראַרישע פּרייטיקס" אין די בראָנקס האָבן אָנגעהאַלטן כמעט דעם גאַנצן ווינטער. צו די אונטערנע־מונגען פון די צוויי קולטורעלע אינסטיטוציעס זיינען אַרויסגע־טראָטן כמעט אַלע די, וואָס שאַפן די אידישע ליטעראַטור, די סמעטענע פון אונדזער אידישער אינטעליגענץ. מען האָט גערעדט וועגן אַליץ אין דער וועלט — קיין וואָרט האָט מען ערגעץ ניט דערמאָנט וועגן דעם אידישן בוך.

מיר האָבן אויסגעהערט געסט פון אַלע וועלט־טיילן וועגן פאַר־שיידענערליי ענינים. מען האָט גערעדט און געהערט וועגן וואָס איר ווילט הערן און געדענקען, אָבער קיינעם איז ניט איינגעפאַלן איינצולאַדן איינעם פון די היגע פאַרלעגער, די מתעסקים אַרום אידישן בוך — די אייראָפּייאישע פאַרלעגער „שרעבערק" און „יאַטשקאָווסקי", אָדער פאַרמרעטער פון אַנדערע אייראָפּייאישע פאַרלאַגן אויף זייערע באַזוכן דאָ אין אַמעריקע, און אָפּנעמען ביי זיי אַ גרוס וועגן דער לאַגע פון דעם אידישן בוך אין אייראָפּע, אָדער אין ערגעץ אַן אַנדער וועלט־טייל.

דער אייראָפּייאישער פאַרלעגער און בוך־עסקן פילט זיך ווי אַ פרעמדער אַרומטערקומענדיק אין דער אידישער ניו יאָרק. ער

איז אַן איבעריקער, ס'קומט אים קיינער ניט אַנטקעגן (חוץ די עטלאַכע שרייבער, וואָס דערוואַרטן אַז דער באַטרעפנדער פאַר־לעגער זאָל אַרויסגעבן זייערע ווערק). ער דרייט זיך דאָ אַרום אַן אַ גואל און אַן אַ קרוב, פטר'ט דאָ זיין געלט און צייט, אָבער גיט ניט אויף זיין האָפנונג און קומט דאָ ווידער אין אַ קורצער צייט אַרום נאָכאַמאָל פּרובירן דעם באָדן, אמת פאַר אייגענע נוצן, אין זיינע אייגענע אינטערעסן, אָבער דער ענין בוך איז דאָך אָדער מעג דאָך (אונדז אידישע לעזער און קולטור־טוער) אויך זיין אונ־דזער ענין, און אַזוי אַרום איז אויך דער פאַרלעגער אונדזערער אַ מענטש, ער איז דאָך פלייש פון אונדזער פלייש און בלוט פון אונדזער בלוט.

די אידן אין אַמעריקע, אַ טייל פון דעם וועלט־באַרימטן „עם־הספר", האָבן כמעט ווי אינגאַנצן זיך אָפּגעטאָן פון בוך. מיר זיי־נען געוואָרן אויס עם־הספר (בוך) און זיינען געוואָרן אַן עם־הסופר (שרייבער).

אַ געוויסער סאָרט מענטשן אונזערע, ספּעציעל אין שטעט און שטעטלאַך, ווערן מעצענאַטן און האַנדלען זיך איין אַן איידעם אויף קעסט, אַ שרייבער פאַר זיך, און מען לייקנט אָפּ אַלע אַנדע־רע אידישע שרייבער, און אַזוי אַרום, כמעט די גאַנצע אידישע ליטעראַטור. ס'איינגעהאַנדלטע איידעמל — דער שרייבער אַליין — פון זיין זייט, קלייבט נחת פון דעם ענין, ווייל ער אַליין האָט דאָך אויך אַ באַציאונג צו דער אידישער ליטעראַטור נאָר אויף אַזוי ווייט, אויף וויפיל ער פיגורירט דאָרט אַלס גדול, און עס פאַר־שטייט זיך דאָך „אם בארזים נפלה שלהבת, מה יעשו אזובי קיר?" אויב דער גדול אַליין מאַכט יענעם שרייבער צו אַש און בלאָטע, קען מען זיך שוין פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ פנים דער צווייטער שרייבער האָט ביי דעם ערשטנס חסידים.

די איידעמלאַך אויף קעסט זיינען ניט אַלעמאָל יחידים. אַמאָל איז דאָס אַ גאַנצע ריכטונג. אָבער דאָס איז ניט חס וחלילה צוליב דעם, וואָס דער אַזוי־גערופענער מעצענאַט איז אַן אָנהייגער פון דער אָדער יענער ריכטונג, ער ווייס גאַנץ אָפט ניט פון דער ריכ־טונג מאי דקאמרא רביצין, אָבער די „הייליקע טריניטים" וואָס

האָבן זיך צווישן אונדזערע יונגע און אַביסל אונטערגעעלטערטע געשאַפן, „אַטענדן" שוין צו זייערע „גלויבנס־גענאָסן".

די „לייעלעס־לייוויק ליטעראַרישע פּרייטיקס" זיינען אַביסל פּורץ גדר, און מען לאָזט דאָרט צו צום עמוד אפילו פאָרטרעטער פון אַנדערע „טריניטיס". וועגן די אינגערע „טריניטיס" איז דאָך שוין אָפּגערעדט. דאָרט איז אפילו צוגעקומען צום פּסוק ראובן אייזלאַנד, איינער פון דער „אינזל־טריניטי". מען קען דאָרט הערן אַ גוט וואָרט פאַר כמעט יעדן איינעם, וואָס טרעט דאָרט אַרויס, אָבער דאָס בלייבט אין די פיר ווענט פון דעם אוידיטאָריום. די קוואָטאַ אין די „טריניטיס" בלייבן שטאַרק באַשריינקט.

ווי מיר זען, וועט שוין דער שרייבער, אויף איינעם אָדער אַ צווייטן אופן, זיך באַזאָרגן מיט אַ קאַפּעטשקע אומשטערבלאַכ־קייט און אויך פּרנסה. די „טריניטיס" העלפן אויף ביידע אופנים. אין דורכשניט, קען שוין דער שרייבער זיין שטעטל אַליין באַ־שטיין. אָבער מיר דאַרפן דער עיקר פאַרזאָרגן דעם אידישן בוך, „אין אומן בלא כלים", ווייל אָן אַ בוך איז קיין ליטעראַטור ניטאָ. אונזער ענין איז די אידישע ליטעראַטור, און מיר דאַרפן און מוזן וועגן דעם אַ טראַכט טאָן, קיינער וועט פאַר אונז קיין חשבון הנפש ניט מאַכן. מיר מוזן עס אַליין טאָן.

אפילו מיט באַשטימטע פּרייזן פאַר די בעסטע ווערק פון יאָר אין אידיש, וועט אויך די גאולה ניט קומען. מיר האָבן זיך גאָר־ניט וואָס צו שעמען מיט דער ליטעראַטור וואָס איז ביי אונדז אין אַ פאַרהעלטניסמעסיק קורצער צייט געשאַפן געוואָרן, און די נאָ־בעלע אַרבעט פון באַשטימטע פּרייזן און ניט געבן איז זיכער ניט קיין דאַנקבאַרער סטימול.

דער ניו יאָרקער „י. ל. פּרץ שרייבער פאַראיין" האָט מיט זיין צוזאָגן צוויי טויזנט דאָלאַר פאַר די בעסטע ווערק פון יאָר זיכער קיין שלעכטס ניט געמיינט, אָבער עס איז שוין באַלד דער צווייטער יאָר אַריבער און מען הערט ניט און מען זעט ניט. קיי־נער האָט ניט געגעבן און קיינער האָט ניט געקראָגן.

און מיר וואונדערט אויף ש. ניגערן, וואָס איז ביים „י. ל. פּרץ שרייבער פאַראיין" (אַנטשולדיקט פאַרן אויסזאָגן פון חדר) אַרויסגעטראָטן געגן דעם צוגעזאָגטן „פּרעמיום", ווייל „מען דאַרף זיך ניט שפּילן אין צוזאָגן", איז ערשט ניט לאַנג צוריק אַרויס־

געטראָטן אין „טאָג״ מיט אַ שבח פאַרן „היימישן ווינקל״ צווייג 178 פון „אידיש־נאַציאָנאַלער ארבעטער פאַרבאַנד״, וואָס איז ארויסגעטראָטן מיט אַ דעקלאַראַציע און האָט באַשלאָסן צו שאַפן אַ פאָנד צו פּרעמירן די צוויי בעסטע אידישע ביכער, וואָס וועלן ארויסגיין אין אַמעריקע אין יאָר 1928 — איין בוך אויפן געביט פון ליטעראַטור און דאָס צווייטע אויפן געביט פון אידישער וויסנשאַפט. איז דען די צווייטע אָרגאַניזאַציע חשוב׳ער פאַר דער ערשטער? קען מען זיך דען אויף איר צוזאָג פאַרלאָזן מער ווי אויפן צוזאָג פון „י. ל. פּרץ שרייבער פאַראיין״, אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס דאַרף לויט אַלע חשבונות זיין בלב ונפש פאַראינטערעסירט אין דער אידישער ליטעראַטור מער ווי וועלכע ניט איז אַנדער אָרגאַניזאַציע?

לויט מיין אויספאָרשונג צווישן די מיטגלידער פון „היימישן ווינקל״ איז די ביז־איצט געשאַפענע סומע גאַנץ נישטיק און קליין, און ס׳איז דאָ אַ שווערע האָפנונג, אַז ס׳זאָל אין די עטלעכע מאָנאַטן ביזן סוף פון היינטיקן יאָר 1928 געשאַפן ווערן די צוגעזאָגטע סומע פון צוויי טויזנט דאָלאַר, סיידן זיי וועלן די געזאַמלטע סומע אָוועקלייגן אויף פּראָצענט ביזן יאָר 2028, און ערשט דאַן עס איבערגעבן צו די געווינער פון די פּרייזן.

כ׳וואָלט צופרידן געווען צו בלייבן אַ פאַלשער נביא און עס וואָלט מיר שטאַרק געפרייט, ווען די מיטגלידער נעמען זיך מיט אַלע כחות און צייגן דעם קונץ און שאַפן די באַטרעפנדיקע סומע אפילו אביסל שפּעטער ווי צו דער באַשטימטער צייט. אָבער צו דעם פאָדערט זיך איבערמענטשלאַכע כחות, און ס׳איז דאָ זייער אַ שוואַכע האָפנונג, אַז זיי זאָלן זיך דערפון שטאַרק „רייסן דעם פּעלץ״ און נעמען זיך צום הארצן צוליב דער אידישער ליטעראַטור. הלואי זאָל איך ליגן זאָגן.

איך מיין דאָ, אגב, חס וחלילה ניט צו זאָגן, אַז מיר זיינען שוין פאַרזאָרגט מיט אַלץ, אַז מיר האָבן שוין אַלץ. זיכער איז, אַז מיר דאַרפן און מוזן די אידישע ליטעראַטור פאַרשענערן און פאַרבעסערן. אָבער דאָס איז אַן צווייפל ניט די אַרבעט פון אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציעס, נאָר די אַרבעט פון די וואָס שאַפן די אידישע ליטעראַטור.

די גוט־מיינענדיקע ארגאניזאציעס און ספּעציעל ארגאניזאציעס פון דעם מין ווי דער „היימישער ווינקל“ קענען נאר העלפן מיט דעם, וואס זיי וועלן צווישן זייערע מיטגלידער און צווישן די מיטגלידער פון אנדערע ארגאניזאציעס וועקן און שאפן א באציאונג צום אידישן קינסטלער און צו דער אידישער ליטעראטור.

ארבעטן אויף דעם אויבן־אנגעצייגטן געביט האבן אויך גע־מעגט טאן די מיטגלידער פון דער אידישער שריפטזעצער יוניאן לאקאל 83. כמעט אלע מיטגלידער פון זיי מאכן א שיינעם לעבן אין די אידישע צייטונגען און בוך־דרוקערייען. דאס איז דאך זייער ברויט־און־פּוטער ענין. חוץ דעם געפינט זיך צווישן זיי א רעכט ביסל, וואס האבן אמאל געהאט א גאנץ שיינע באציאונג צו דער אידישער ליטעראטור! איז טאקע אויף די זעכציק פּראָ־צענט מיטגלידער אירע, וואס ארבעטן אין די אידישע צייטונגען און באקומען יאר־איין און יאר־אויס א געהאלט גענוג אויף צו מאכן אן אנשטענדיקן לעבן, מקוים געווארן דער „וישמן ישרון ויבעט“? ! מען קען צווישן זיי געפינען א רעכט ביסל, וואס האבן נאך אפילו זיך ניט איינגעשעפּט די ווערק פון אונזערע קלאסי־קער, היינט ווער טראכט שוין גאר וועגן אונזערע יונגע.

און ריידנדיק וועגן די זעצער, מעג מען שוין דערמאנען די בעלי־בתים זייערע — די צייטונגס־ארויסגעבער, אז זיי אליין זינ־דיקן אויך א רעכט ביסל אונטער אויף דעם געביט. זייער באציאונג צו דער אידישער שפּראך און ליטעראטור איז א שוידערלאכע. (מיט זייער „ליטעראַרישע „פּיידזש“ וועלן זיי ניט „פּארווייסן די קאשע“). שוין ניט ריידנדיק וועגן דעם, אז עס איז אן אומ־רעכט פון מאראלישן שטאנדפּונקט, נאר אפילו פון געשעפטס־שטאנדפּונקט זיינען זיי מיט זייער באציאונג צו אידיש ווייט ארונטער פון דרך הישר.

היינט די לערער אין שול־טוער פון אונדזער גאנצער שול־באוועגונג פון אלע מינים, וואס טוען זיי פאר׳ן אידישן בוך? אמת, איינע אדער א צווייטע שול־ארגאניזאציע האט טאקע ארויסגע־געבן צו עטלאכע לערן־ביכלאך, אבער וואו איז זייער אינטע־רעס צו דער גאנצער אידישער ליטעראטור? אגב, וואו איז אונ־דזער אידיש־אמעריקאנישע יוגנט, פאר וועמעס אידיש־וועלטלא־

בער דערציאונג מיר האָבן אומדערמידלאַך אַזוי שטאַרק געזאָרגט פאַר די לעצטע כמעט צוויי צענדליק יאָר, וואָס איז זייער באַציאונג און בייטראָג צו אידיש און אידישער קולטור־ארבעט? מיר האָבן שוין אַ רעכט ביסל פון זיי גראַדואירטע פון די מיטל־שולן און לערער־סעמינאַרן, אָבער ווי עס ווייזט אויס איז דער גאַנצער נחת וואָס מיר האָבן פון זיי אין די מערסטע פאַלן, צום באַדויערן, ניט מער ווי דאָס וואָס זיי זיינען אין בעסטן פאַל האַלב־צופרידנ־שטעלנדיקע אויפפּאַסערס (קאַנסלערס) און סאַרווערס (וועיטערס) אין אונדזערע דערציערישע זומער„קעמפּס" (וואָס זיינען שוין באַלד געוואָרן אַ ציל פאַר זיך אַליין, אַנשטאָט אַ מיטל). ס׳וואָלט ניט געשאַט, — און אפשר איז טאַקע דרינגענד נויטיק, — מאַכן איצט אַ רעוויזיע אָדער אַ חשבון־הנפש וועגן אונדזער גאַנצער שול און „קעמפּ" אַרבעט. ס׳איז שוין די העכסטע צייט דערפאַר.

אָבער אונדזער ענין איז דאָ דערווייל דער אידישער בוך, און דער היוצא לנו מדברינו איז אָט וואָס:

מיר דאַרפן און מוזן געפינען וועגן און מיטלען וואָס מער ביכער צו פאַרשפּרייטן, און ניט פון ספּעציעלע שרייבער, נאָר אידישע ביכער אין אַלגעמיין, און דאָס איז דער איינציקער מיטל וואָס קען פאַרזיכערן די לאַגע פון דעם שרייבער און שטעלן אויף אַ געזונטן מצב די גאַנצע אידישע ליטעראַטור.

זאָגט נאָך ניט קיין קדיש!

מיט עטלאַכע יאָר צוריק, ווען עס האָט זיך אָנגעפאַנגען דער קריזיס אויפן אידישן ביכער־מאַרק אין אַמעריקע, זיינען איייניקע אידישע שרייבער אַרויס מיט אַרטיקלען, אין וועלכע זיי האָבן געזוכט (ניט קיין וועגן און מיטלען די לאַגע צו פאַרבעסערן, נאָר גאַנץ פּשוט) אַ מצוה, זיי האָבן געוואָלט מקיים זיין דעם „ואהבת לרעך כמוך: ברור לו מיתה יפה" (האָב ליב דיין פריינט ווי זיך אַליין, זאָגט די גמרא: קלויב אים אויס אַ שענערן טויט...)

צווישן די וואָס האָבן זיך מתעסק געווען מיט דעם ענין, זיינען געווען: דר. א. קאַראַלניק, דר. ק. פאַרנבערג, ה. לייוויק, הלל ראָגאָף, א. זעלדין, צביון, א. ווילנער, און אַנדערע. אָבער ווייט ניט אַלע פון די עסקנים האָבן וועגן דעם געשריבן ווי וועגן אַן אייגענעם ענין. ביי אַ סך פון די אַרטיקל־שרייבער האָט די גאַנצע זאַך געקלונגען, אַזוי ווי זיי וואָלטן געפונען אַ דער־הרג'עטן אין אַ וואַלד, אָן אַ גואל און אָן אַ קרוב, האָט מען מיט דער האַסטיקייט מיט וועלכער מען באַגראָבט אַ פרעמדן, אָפּגעטאָן זיין רעכט און אַ סוף. געשטאָרבן, באַגראָבן, און אַראָפּ פון מאַרק.

אָבער, דער מת־מצוה רופט דאָך, און צווינגט אַז מען זאָל זיך אָן אים דערמאָנען, ווייל בלוט איז ניט קיין וואַסער, און ס'מאַכט ניט אויס, צום גוטן אָדער צום בייזן, און אַט —

צום ביישפּיל:

ה' הלל ראָגאָף („דער אַמעריקאַנער ביכער־מאַרק" אין „פאָר־ווערטס" פון 23־טן סעפּט., 1926), איז אַרויס מיט אַ שבח והודיה צו די אַמעריקאַנער פאַרלעגער און צום אַמעריקאַנער (ענגלישן) ביכער־מאַרק, צוליב דעם, וואָס „די צאָל פון די ביכער, וואָס ווערן געדרוקט און פאַרקויפט, איז אומגעהויער פיל געוואַקסן", און דער פאַרלעגער — „ער שטרענגט אָן אַלע זיינע כוחות, אַז אַ גרויסער עולם זאָל עס לעזן".

ראָגאָף שרייבט וועגן דעם בפרוטרוט און ניט דערווייל אַ דערמאָן וועגן אונדזער אייגענעם ביכער־מאַרק, ער שרייבט:

„פון דעם שטאנדפונקט פון ביזנעס לוינט זיך אַם בעסטן צו דרוקן אַלטע קלאַסישע ביכער און די פאַרלעגער טוען עס טאַקע. עס גייען איצט אין אַמעריקע אַרויס מאַסן נייע אויפלאַגעס פון די בעסטע זאַכן, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אין דער וועלט־ליטעראַטור אין פאַרלויף פון הונדערטע יאָרן."

„יעדנפאַלס, איין זאַך איז זיכער, אַז דאָס לעזע־פובליקום אין אַמעריקע האָט זיך אין די לעצטע יאָרן שטאַרק פאַרגרעסערט. און מען מוז צוגעבן, אַז פאַר דעם קומט טיילווייז קרעדיט צו די פאַר־לעגער. אמת, זיי האָבן אין זינען זייערע „פאַקעטס", אָבער צו דער זעלבער צייט העלפן זיי זייער פיל אויפצואוועקן אין די מאַסן אַן אינטערעס אין לעזן. זיי פירן אָן אַ ריזיקע פּאַבליסיטי פאַר ביכער. זיי ערמוטיקן ליטעראַטור־קריטיק. זיי האָט מען פיל צו פאַרדאַנקען וואָס אין יעדער באַדייטנדער צייטונג אין לאַנד איז איצט דאָ אַן אָפּטיילונג פאַר ביכער."

„וועגן דעם אַמעריקאַנער ביכער־מאַרק, וועגן דעם אַמעריקאַ־נער פאַרלעגער און לעזער איז דאָ וואָס צו זאָגן, אַ ביסל גוטס, אַ ביסל שלעכטס. עס איז דאָ וואָס צו לויבן און עס איז דאָ וואָס צו קריטיקירן. וועגן אונדזער אידישן ביכער־מאַרק איז ניטאָ וואָס צו רעדן, עס ווערט אומעטיק אויפן האַרצן, ווען מען גיט נאָר אַ טראַכט וועגן דעם."

פרעגט זיך:

פאַרוואָס זאָל אים, ראַגאָפן, אַזאַ אומעט באַפאַלן? געווים, ווייל ער האָט טענות — אי צום פאַרלעגער, אי צום לייענער. טאָ לאָמיר די זאַך געניי באַטראַכטן.

פריער וועגן פאַרלעגער.

ה' ראַגאָף לויבט די אויפטואונגען פון די אַמעריקאַנער פאַר־לעגער. ער צייגט אָן אויף זייערע וועגן און מיטלען. אָבער ווען עס קומט צו די אידישע פאַרלעגער, האָט ער פאַר זיי אפילו קיין איין גוט וואָרט ניט. עס קומט אוים, ווי זיי וואָלטן באמת אַ פינ־גער אין קאַלטן וואַסער ניט אַריינגעטאָן פאַר די נוצן פון זייער געשעפט און דעם אידישן בוך. נו, האָבן אונדזערע פאַרלעגער טאַקע אַלץ פאַרנאַכלעסיקט? האָבן זיי דען ניט אויסגענוצט זייער גאַנצע פינאַנציעלע מעגלאַכקייט אויף אַלע אופנים כדי עפּעס לעבן אַריינצובריינגען אין אידישן ביכער־מאַרק? האָבן זיי דען

ניט, ווי די ענגלישע פארלעגער, איננאנצן אויפגעגעבן דעם אינ־גערן אומבאקאנטן אידישן שרייבער און זיך גענומען צו די על־טערע? (אויב דאס איז שוין יא אזא נאבעלער און וויכטיקער מיטל, לויט ראגאפ׳ן...) האבן זיי (פראפארציאנעל) דען ניט אויס־געגעבן געלט אויף אנאנסן?

דער אמת איז, אז מען קאן צו אונזערע פארלעגער קיין צו־פיל טענות ניט האבן. ווי איך האב שוין, שרייבנדיק וועגן דעם ענין, עטלאכע מאל פריער אנגעצייגט. אבער וואס אנבאלאנגט ה׳ ראגאף פערזענלאך — פאר וואס זעט ער בעסער ניט פאר־טרייבן דעם „אומעט" זיינעם, וואס קומט צו אים ווען ער טראכט וועגן אידישן ביכער־מארק, מיט מעשים פארן אידישן בוך? ! ה׳ ראגאף האט אלע מעגלאכקייטן דאס צו טאן, ער איז פארבונדן מיט דער פארשפרייטסטער און רייכסטער אידישער צייטונג אויף דער וועלט; ער איז, אגב, פון צייט צו צייט דער במקום רעדאק־טאר, און דאן איז דאך אודאי, מי יאמר לו מה תעשה. נאר אפשר זיינען גערעכט די ליטוואקעס, וואס טייטשן דעם „רחמנא לבא בעי": אז א מענטש האט א מאגן, מוז ער זען דעם הונגער פאר־יאגן. אבער צוליב וואס האבן טענות צו אנדערע און — זיין אזוי „באטריבט"?

איך פרעג: און אז מען שטייט ניט אין „ליין", און מען שלאגט זיך ניט מיט העק איבערן אידישן בוך, טאר מען שוין ניט שרייבן וועגן אים? אט שטייט די סאציאליסטישע פארטיי אויך ניט אזוי גלענצנד ווי מיט צען יאר צוריק (זי איז ארונטער פון הונדערט צוואנציק טויזנט מיטגלידער אויף פערצן טויזנט. „דער אידישער אלמאנאך", ארויסגעגעבן פון אידישן סאציאליסטישן פארבאנד אין אמעריקע, גיט אפילו אן די צאל פון די פארבלי־בענע אינדיאנער אין אמעריקע, אבער שעמט זיך, ווי עס ווייזט אויס, אנצוגעבן די צאל פון די מיטגלידער אין דער אמעריקאנער סאציאליסטישע פארטיי. ס׳טייטש, יושר? אמת טאקע, „ארעם איז ניט גוט, אבער מיר דארפן זיך ניט שעמען מיט אייגענע בלוט"), און פונדעסטוועגן איז ה׳ ראגאף איצט איינער פון אירע אפאסטאלן און „לויפט" פאר קאנגרעסמאן אויפן סאציאליסטישן „טיקעט". פארוואס אזא אפטימיזם אין באצוג צו דער סאציא־

ליסטישער פּארטיי, און אַזאַ פּעסימיזם אין באַצוג צום אידישן בוך, און ספּעציעל צום אידישן ביכער־מאַרק ?...

עס איז אויך אמת, אַז מען קען קיינעם ניט צווינגען, ער זאָל מיר ליב האָבן. פונדעסטוועגן „אַז מען קריגט זיך מיטן רב, מוז מען נאָך ניט האַלטן מיטן בעדער", מען מעג דאָך זיך רעכע־נען מיט פאַקטן אויך. און צום באַדויערן האָבן כמעט אַלע וואָס האָבן געשריבן וועגן אידישן בוך אין אַמעריקע ניט שטאַרק חוקר ודורש געווען דעם ענין, כדי צו זיין גענוי באַקאַנט מיט די פאַקטן.

יעדער, וואָס איז אַ ביסל באַקאַנט מיט דעם אידישן ביכער־מאַרק אין אַמעריקע פאַר דעם לעצטן צענדליק יאָר, וועט מוזן צוגעבן, אַז ווי שלעכט די לאַגע זאָל איצט ניט זיין אויף דעם אידישן ביכער־מאַרק, ווערן דאָך היינטיקן טאָג פאַרקויפט אַ סך מער אידישע ביכער ווי מיט צען יאָר צוריק. אגב, אַ ראיה ה׳ ראַגאָף אַליין. זיינע צוויי בענד „די געשיכטע פון די פאַראייניקטע שטאַטן", וואָס ער האָט ערשט מיט עפּעס מער ווי אַ יאָר צוריק אַרויסגעגעבן, זיינען זיך איצט שוין צעגאַנגען אין איבער פיר טויזנט סעטס. דערצו דער פאַקט, וואָס ה׳ ראַגאָף האָט ערשט מיט אַ מאָנאַט צוריק אַרויסגעגעבן אַ דריטן באַנד פון דער סעריע, צייגט: אַז ער האָט גאָרניט אַזוי שטאַרק מורא אַריינצולייגן מי און געלט (די ביכער האָט ה׳ ראַגאָף אַרויסגעגעבן אויף זיין אייגענעם חשבון) אין אידישע ביכער, און ער האָט נאָך אַ שטיקל בטחון אין דעם אידישן לעזער און ביכער־קויפער. היינט וויבאַלד קיין פערזענלאַכע אורזאַכן ניט, טאָ פון וואַנען אַזאַ פּעסימיזם ?!

*

איך וויל דאָ ניט פאַרנעמען דעם פּלאַץ מיט אַ לאַנגן צעטל פון די נייע אידישע ביכער, וואָס זיינען ביי אונדז אין אַמעריקע דערשינען אפילו פאַר די לעצטע עטלאַכע קריזיס־יאָרן. איך האָב שוין אַזאַ ליסט צוזאַמענגעשטעלט אין מיין בוך „דאָס אידישע בוך אין אַמעריקע", יוני, 1924, און אין „אונדזער בוך", יאַנואַר, 1926. אגב, איז דורך דער צייט, וואָס איך האָב יענע ליסטן אָפּ־געדרוקט, ביז איצט, צוגעקומען ביי אונז אַ רעכט ביסל ביכער. בעלעטריסטיק, וויסנשאַפט, קינדער־ליטעראַטור, לער־ביכער און אַנדערע.

אינטערעסאנטע פאקטן וועגן אונדזערע אידישע אויס־גאבן אין אמעריקע פון לעצטן יאר, קאן מען געפינען אין די וואר־שעווער „ליטעראַרישע בלעטער" נומער 87, אין די „ביבליאגראַ־פישע טאבעלן" פון נחמן מייזל. ער צייגט דארטן אן, אז אין יאר 1925 זיינען ביי אונדז ארויסגעגעבן געווארן ביכער פון צוויי מאל אזוי פיל שרייבער ווי אין יאר 1924, און אנשטאט דעם, וואס מיר האבן אין 1924 געליפערט 6.6% פון דעם סכום נייע אידישע ביכער אין גאר דער וועלט, האבן מיר זיך אין 1925 דערהויבן צו 26%.

אבער ארויסגעבן און פארקויפן ביכער איז נאך ניט אלץ. דער עיקר איז דאך דער לייענען די ביכער. און דער איינציקער פלאץ, וואו מיר זיינען זיכער, אז די ביכער ווערן געלייענט, איז די שטאט־ביבליאטעק. (וועגן דעם ענין צירקולאציע פון אידישע ביכער אין די שטאט־ביבליאטעקן, האב איך זיך שוין א ביסל מער באריכות אפגעגעבן אין מיין פריערדיקן ארטיקל „ביכער סיילס מאי קא משמע לן"). און אין די שטאט־ביבליאטעקן פארנעמט נאך אלץ די אידישע ביכער־צירקולאציע דעם אויבנאן אין פאר־גלייך (לויט פראפארציע) מיט אלע אנדערע פרעמד־שפראכיקע ליטעראטורן.

די גאנצע פרעמד־שפראכיקע ליטעראטור האט אין יאר 1925 פארלארן אין צירקולאציע איבער 20%, דער פארלוסט אין דער אידישער ביכער־צירקולאציע אין די שטאט־ביבליאטעקן איז גע־ווען עפעס וויניקער ווי 18%. דערצו דארף מען ניט פארגעסן, אז: אנשטאט דעם, וואס ענדע יאר 1924 האבן זיך אין אלע שטאט ביבליאטעקן, וועלכע האבן אידישע ביכער קאלעקציעס, געפונען 12,098 אידישע ביכער, און אין יאר 1923 — 12,300 ביכער, איז די צאל אידישע ביכער צום סוף יאר 1925 געווען נאר 11,424, דאס מיינט, אז די קאלעקציע איז אין איין יאר פארקלענערט גע־ווארן אויף 674 ביכער. (וועגן דעם פארנאכלעסיקן די אידישע אפטיילונג אין די ביבליאטעקן און די שולדיקע אין דעם — א צווייטן מאל). שוין ניט רעדנדיק דא וועגן דעם, וואס עס זיינען דורכן יאר דערשינען א רעכט ביסל נייע אידישע ביכער, סאי דא אין אמעריקע, סאי אויף יענער זייט ים, אין פוילן און רוסלאנד, וואס די לעזער וואלטן גערן געלייענט, ווען די ביכער וואלטן זיך נאר געפונען אין די ביבליאטעקן.

די אידישע אָפּטיילונג אין דער הויפּט־ביבליאָטעק (צוויי־און־פערציקסטע גאַס און פינפטע עוועניו), וועמענס ביכער־ציר־קולאַציע ווערט ניט אריינגערעכנט אין די אויבנדערמאָנטע ציפערן, האָט אין יאָר 1924 ארויסגעגעבן 106,342 ביכער צו 36,249 באַזוכער און אין יאָר 1925 — 109,519 ביכער צו 36,644 באַזוכער. די אידישע אָפּטיילונג ליידט זייער שטארק פון איינגשאָפּט, די באַזוכער מוזן פון צייט צו צייט, צוליב מאַנגל אין פּלאַץ, ארויסגעשיקט ווערן אין אַנדערע אָפּטיילונגען, און ניט קוקנדיק אויף דער גרויסער קאָלעקציע, פילט זיך דאָרט אויך אַ דוחק אין אַלטע און נייע ביכער.

דאָס פאַלן פון דער צירקולאַציע אין די שטאָט־ביבליאָטעקן פאַר די יאָרן 1922-23-25 ווערט צוגעשריבן צו דעם, וואָס די ביבליאָטעקן קריגן ניט גענוג געלט איינצוקויפן נייע ביכער. אַנשטאָט דעם, וואָס מען פלעגט מיט עטלאַכע יאָר צוריק אין דעם „סואַרד־פּאַרק ברענטש" (איסט בראָדוויי און דזשעפערסאָן סטריט) אַליין אריינגעמען צו זעקס און אַכט עקזעמפּליאַרן פון אַ אידישן בוך, נעמט מען איצט אריין ניט מער ווי איינעם.

אין דער צירקולאַציע פון די ענגלישע ביכער איז געווען אַ פאַרלוסט פון 682,940 אין יאָר 1923, אין פאַרגלייך מיט דער צירקולאַציע פון יאָר 1921. און אין יאָר 1925 אַליין איז די צירקולאַציע געפאַלן אויף איבער אַ האַלבן מיליאָן.

אגב, ווען מען נעמט אין אַכט, אַז די אָפּטיילונגען פון די שטאָט־ביבליאָטעקן, וואָס געפינען זיך אין די אידישע געגענטן, זיינען שטענדיק געפּאַקט מיט מענטשן, — וואָס האָבן אפילו ניט קיין פּלאַץ צו זיצן, נאָר זיי זיינען געצוואונגען צו שטיין און לייענען, — מוז מען קומען צום באַשלוס, אַז די אָפיציעל־אָנגעגעבענע אידישע ביכער־צירקולאַציע איז ווייט ניט אין ערך קלענער ווי די אמת'ע צאָל ביכער, וואָס ווערן דאָרט געלייענט. ווייל די אויפן־אָרט געלייענטע ביכער זיינען חוץ לחשבון און גייען ניט אריין אין דעם אָפיציעלן באַריכט.

פון די אָנגעגעבענע ציפערן זען מיר, אַז דער אידישער לעזער האַלט נאָך גאַנץ ווייט פון אויפגעבן דאָס לייענען, נאָר גראָד פאַרקערט. ער האָט זיך שטארק פאַרמערט און אַנטוויקלט פאַר די

לעצטע עטלאכע יאר. מיר דארפן אבער אנהאלטן די לעזער און פארגרעסערן דעם צוואוואוקס.

דעם אידישן ביכער־מארק אין אמעריקע, ווי אידיש אין אל־געמיין, קאן מען מיט אן ארטיקל אין א צייטונג אדער זשורנאל ניט טויטן. אמת, מען מוז (ריידנדיק וועגן דער איצטיקער לאגע) צוגעבן, אז אזא שפע ווי עס איז געווען ביים אידישן בוך אין די עטלאכע אומרואיקע וועלט־מלחמה (און א קורצע צייט נאך די וועלט־מלחמה) יארן, איז שוין טאקע איצט ניטא. דאן האבן פשוט אויפגעבליט נייע פארלאגן ווי שוועמלאך נאך א רעגן, און זיינען טאקע דעפאר געווען אויף קורצע יארן. אבער פונדעסט־וועגן ווערן נאך ביי אונדז אין אמעריקע ארויסגעגעבן א רעכט ביסל אידישע ביכער (כאטש, אמת, ניט פון די אלטע געשווארענע פארלעגער). נאר גאנץ פשוט: כמעט יעדער שרייבער וואס גיט ארויס זיינע ביכער, דרוקט זיי אויפן אייגענעם חשבון. און וואס אנבאלאנגט דאס, וואס דער שרייבער טראגט צו געלט צום ארויס־געבן זיינע ביכער, איז דאס אן ענין וואס איז פראקטיצירט גע־ווארן (אפשר ניט אין אזא ברייטן מאסשטאב) אפילו אין די בעס־טע שפע־יארן ביים אידישן ביכער־מארק.

*

דער הויפט־פאקטאר ביים פארשפרייטן דעם אידישן בוך דורך די שפע־יארן, איז געווען דער רייזנדער אגענט. עס זיינען צו יע־נער צייט ארומגעפארן איבערן לאנד ארום א צענדליק יונגע לייט, וואס האבן געבראכט דאס אידישעווארט צו די אידן אין די פאר־ווארפנסטע ווינקעלאך איבערן לאנד. די פארשפרייטער פלעגן אויפגענומען ווערן אויף דעם שענסטן אופן פון דער ראדיקאלער אידישער אינטעליגענץ אין די שטעטלאך וואו זיי פלעגן נאר קומען. אבער די לעצטע רייסערייען פון „רעכטס" און „לינקס" אין די אידישע ארגאניזאציעס, האט געבראכט דערצו, אז עס איז אוממעגלאך פאר לימערהאטור־פארשפרייטער צוצוקומען צום עולם, ווייל ממה נפשך: איז ער א „רעכטער" — וועלן די „לינקע" ניט וועלן שטיין אין זיינע ד' אמות, און טאמער פארקערט — וועלן די „רעכטע" פון אים וויכן. איז ער, חס וחלילה, אינגאנצן אן אומפארטייאישער, בלייבט ער קרח מכאן וקרח מכאן. אט

צוליב דער אַנגעגעבענער אורזאַך איז דער מין רייזנדער אַגענט אינגאַנצן אַראָפּ פון דער סצענע. (עס זיינען דערצו פאַר דעם אויך דאָ זייטיקע אורזאַכן).

אַ קליינע טייל פון דער אַרבעט פון דעם רייזנדן אַגענט ווערט איצט געטאָן פון די פּאַרטיי־משולחים, וואָס פאָרן אַרום איבער די שטעט און שטעטלאַך זאַמלען אַבאָנאַמענטן פאַר די פּאַרטיי־אָרגאַנען און פאַרקויפן, אַגב, די ווערק פון זייערע מיט־אַרבעטער, וואָס זייער פּאַרטיי פאַרלאַג האָט אַרויסגעגעבן.

דער גרעסטער טייל פון אָט דעם מין פאַרקויפער האָבן אַ גאַנץ קנאַפּע באַציאונג צום בוך, און ווען עס האַנדלט זיך וועגן ליטע־ראַטור, איז באַציאונג אַ גרויסער און וויכטיגער ענין.

*

איך פּערזענלאַך גלויב ניט דעריבער, אַז פּאַרטייען זיינען מסוגל צו ווערן דערפאָלגרייכע בוך־פאַרקויפער, ווייל ליטעראַטור, אַלגעמיינע ליטעראַטור, איז דאָך ניט זייער ענין. דאָך טוען זיי עפּעס אויך.

דער אידישער ביכער־מאַרק דאָ געפינט זיך אין אַ ניט גלענ־צענדן צושטאַנד? — מסכים! ווער קען דאָס וואַגן אָפּצולייקענען דעם פאַקט. אָבער קיין „שיינעם טויט" דאַרף מען פאַר אים נאָך ניט צוגרייטן און צו פאַרצווייפלט זיין איז ניטאָ קיין אורזאַך. אמת טאַקע, פאַרלאַגן, וואָס גיבן אַרויס ביכער אויפן אייגענעם חשבון, זיינען טאַקע ביי אונז צופיל ניטאָ. אָבער זיי זיינען זיכער געשטיגן, סאיי אין קוואַליטעט און סאַי אין קוואַנטיטעט.

אָט זיינען זיי כמעט אַלע: מ. מייזל, מ. יאַנקאָוויץ, „דער וועקער", „די פרייהייט", „גראַהאַר־סטאַדאַלסקי", „אַרבעטער רינג", „מתנות".

דאָך איז שטאַרק געשטיגן די צאָל פון די שרייבער, וואָס גיבן אַרויס ביכער אויפן אייגענעם חשבון, און אַ רעכט ביסל פון די ביכער, וואָס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן פון די מחברים אַליין, זיינען ניט קיין קלענערער דערפאָלג ווי די, וואָס זיינען אַרויס־געגעבן געוואָרן פון פאַרלאַגן.

אַ טייל פון זיי האָבן אַפילו גאַנץ ברייטלאַך אָנאָנסירט און פאַרקויפט צו צוויי און דריי אויפלאַגן פון זייערע ביכער.

מילא במילא, זעען מיר, אז די לאגע איז גארניט אזוי טרויע־ריק, און די באגראבער פון אידיש, פון אלע עקן וועלט און פון אלע ריכטונגען, דארפן זיך נאך ניט איילן מיטן „צדוק הדין“. ס'איז נאך דא געגוג כחות, ווילן און מוט צום לעבן. איילט זיך ניט און זאגט נאך ניט קיין קדיש!!!

אַ מאַרק פאַר אידישע ביכער

אנטאָניוס:
פריינט, רוימער, בירגער,
הערט מיך אויס אַצינד:
איך קום באַגראָבן צעזאַרן —
און ניט אים לויבן;
דאָס שלעכטס, וואָס מענטשן
טוען, לעבט זיי איבער,
דאָס גוטע ווערט אָפט
פאַרווישט מיט זייער טויט.
(„יוליוס צעזאַר" —
אידיש: י. י. שוואַרץ)

דורך די לעצטע עטלאַכע יאָר פונם קריזיס אויפן אידישן ביכער־מאַרק דאָ אין אַמעריקע, האָבן מיר שוין געהערט פאַרשידנערליי טענות צו אונדזערע אידישע פאַרלעגער.

די טענות זיינען געווען: די פאַרלעגער זיינען ניט אַרויסגעקומען מיט דער ריכטיקער סחורה; זיי האָבן ניט אַרויסגעגעבן קיין וויסנשאַפטלאַכע ביכער; זיי האָבן ניט אַרויסגעגעבן קיין ביליקע ביכער.

אַנדערע האָבן געטענה׳ט, אַז די הויפּט־צרה פון דעם קריזיס באַשטייט אין דעם, וואָס מען האָט זיך גענומען אַרויסגעבן גאַנצע „סעטס" און דער עולם וויל ניט און קען ניט אויסגעבן אַזאַ „מאַטניאַ מיט גאָלד" זיך איינצושאַפן די ווערק פון אַ שרייבער.

און נאָך און נאָך אַ סך טענות.

ס׳פאַרשטייט זיך, אַז דער עולם האָט זיך ניט באַנוגנט מיט טענות אַליין, מען האָט אויך „דעליווערט" אַ קאָפּעטשקע עצות. אָבערביידע זאַכן, סיי די טענות און סיי די עצות, זיינען ניט קיין גוואַלדאָוונע. ווייל זיי זיינען כמעט אַלע געקומען פון

מענטשן, וואָס האָבן ניט קיין ברעקל ידיעה אין פאַך. עס האָבן זיך צו דער מצוה גענומען אפילו אַזעלכע, וואָס האָבן נאָך קיין געלעגנהייט ניט געהאַט אַנצוואָווארימען זייערע פיס אויפן אַמע־ריקאַנער באָדן. און מען קען זיך משער זיין, וואָס פאַר אַ האָפט זייערע טענות האָבן געהאַט.

איך וועל דאָ טאָקע דערפאַר ניט פאַרנעמען דעם פּלאַץ פאַר די איינצלהייטן פון די טענות און עצות. ס'איז מיט די בעלי־טענות אויסגעקומען כמעט ווי מיט יענעם מלמד, וואָס האָט גע־זאָגט: „איך ווייס ווי צו פירן די וועלט, נאָר מען פרעגט ביי מיר ניט".

אַלץ, אָדער כמעט אַלץ, וואָס איך האָב ביז איצט געשריבן וועגן אידישן ביכער־פאַרלאַג, איז געווען פון דעם כמה מעלות טובות ל׳פאַרלעגער עלינו שטאַנדפּונקט. איך האָב דערפאַר דעם פאַרלעגער אַלע מאָל פאַרטיידיגט און קיינמאָל, דאַכט זיך, ניט אָנ־געצייגט אויף זיינע חסרונות. אפשר דערפאַר, אַז עס זאָל ניט אויסקומען „אויך דו, ברוטוס?" אָבער איצט, אַז די „שונאים" האָבן שוין „אַריינגעלייגט די שווערד אין שייד" און „באַדערן" זיך שוין מער איינגאַנצן ניט מיט דעם ענין, וואָלט איך געוואָלט אַביסל דורכשמועסן זיך, האָבן אַ האַרץ־צו־האַרץ געשפּרעך מיט אונדזערע פאַרלעגער וועגן דעם ענין ביכער־מאַרק.

פאַר אַלע מענטשן פון דעם פאַך איז קלאָר, אַז מיר האָבן נאָך אין אַמעריקע קיין מאַרק פאַר אידישע ביכער ניט אויפגע־בויט. אמת, מיר האָבן געמאַכט אַ קליינעם פּרואוו עפּעס פון דעם מין צו שאַפן. אָבער דערווייל האָט זיך עס אונדז נאָך ניט איינ־געגעבן. וואָס די אורזאַכן זאָלן ניט זיין, איז דאָס פאַר אונדז אין דעם איצטיקן מאָמענט ניט וויכטיק, ווייל ניט דאָס איז דאָ אונדזער ענין. דער עיקר וואָס איך וויל אָנצייגן אונדזערע פאַר־לעגער איז, אַז זיי האָבן ניט אַריינגעטאָן קיין האַנט אין קאַלטן וואַסער, — אויף איין האָר ניט אויסגענוצט די מעגלאַכקייטן און די מאַרקן, וואָס האָבן זיך פאַר די לעצטע עטלאַכע יאָר גע־עפנט אין אַנדערע לענדער, וואו ס'איז לכל הדעות דאָ אַ מאַרק פאַר דער אידישער ליטעראַטור.

אמת, ניט אין אַלע לענדער זיינען די מעגלאַכקייטן געווען פון דערזעלבער גרויס. אָבער אין פּוילן, אוקראַינע און רוסלאַנד

איז דאָך זיכער געווען — און איז נאָך איצט אויך דאָ — אַ גרויסע אידישע באַפעלקערונג, וואָס לעבצט און גאַרט פּשוט נאָך אַ אידישן בוך פון אַמעריקע (זע די באַריכטן פון די ביבליאָטעקן אין די „ליטעראַרישע בלעטער" און אין די „ביכער וועלט" פון יאָר 1923). היינט וואו איז ליטע, לעטלאַנד, רומעניע און אפשר אויך ענגלאַנד, אַרגענטינע, פראַנקרייך (פּאַריז), אַפריקע און אַנדערע לענדער.

די הויפּט־צרה פון אַמאָליקע יאָרן, וואָס האָט ניט צוגעלאָזן אונדזער אידישן בוך צו אַ גרויסן טייל פון די אויבנדערמאָנטע לענדער, איז געווען דער רוסישער צענזאָר, אָבער מיט דער גרויסער רוסישער איבערקערעניש איז דער דאָזיקער איבל אינגאַנצן פאַרשוואונדן, און אַלע אונדזערע ביכער (מיט גאָר אַ קליינעם אויסנאַם) זיינען היינט „צענזור־פּרופר" איבער דער גאַנצער וועלט.

די אייראָפּייאישע פאַרלעגער האָבן דעם ענין אַ רעכט ביסל בעסער פאַרשטאַנען, און דערפאַר טאַקע האָבן מיר דאָ פאַר די לעצטע עטלאַכע יאָר געהאַט פאַרטרעטער פון פאַרשידענע אייראָפּייאישע פאַרלאַגן. אייניגע זיינען שוין דאָ געווען צו עטלאַכע מאָל. אַנדערע האָבן דאָ זייערע שטענדיקע אַרטיקע פאַרטרעטער.

מיט אַ קורצער צייט צוריק איז פון דאַנען צוריקגעפאָרן קיין אייראָפּע י. יאַטשקאָווסקי, דער פאַרטרעטער פון וואַרשעווער פאַרלאַג „בזשאָזאַ", און ער האָט מיט זיך מיטגענומען ניט נאָר מאַנוסקריפּטן (אגב אויך צו עטלאַכע דאָלאַר פון די מחברים אויף אָפּצודרוקן די ביכער), ער האָט אפילו מיטגענומען פּלאַטן, אָדער אָראָפּגעצויגענע מאַטריצן, פון שוין לאַנג אַרויסגעגעבענע ביכער, צווישן וועלכע עס געפינען זיך אַזעלכע זאַכן, וואָס זיינען שוין ניט בנמצא, דאָ אויפן ביכער־מאַרק.

אַ גענויער צעטל פון די „אַרויסגעפירטע" ביכער איז געווען פאַרעפנטלאַכט אין די צייטונגען. איך געדענק ניט גענוי אַלץ וואָס דאָרט איז געווען פאַרצייכנט, אָבער איך געדענק, אַז צווישן אַנדערע זאַכן האָבן זיך דאָרט געפונען דר. חיים זשיטלאָווסקי׳ס „שריפטן", ניטשע׳ס „זאַראַטוסטראַ", דר. א. גינזבורג׳ס „אידישע פּאָעטן און דיינקער", קאַרל מאַרקס׳עס „קאַפּיטאַל", ל. קוסמאַנ׳ס „שריפטן", ב. עפּלבוים׳ס „שריפטן" און קאַברינ׳ס „שריפטן". מיט

עטלאכע מאנאטן צוריק האט אויך ש. שרעברעק פון פארלאג „צענטראל", ווארשע, „ארויסגעפירט" 5 בענד פון דער לעבעדיקער (חיים גוטמאן) און 5 בענד פון דר. א. קאראלניק.

אונדזערע פארלעגער וואלטן מער ווי דעם באטרעף פון פאפיר און דרוק אין דעם געשעפט ניט געדארפט ארײנלייגן, און דאס איז אייגנטלאך א סומע וואס פיגורירט גאנץ ווייניק ביים ארויסגעבן א בוך.

די פראגע איז ניט דאס, וואס די איראפייאישע פארלאגן האבן ביי אונדז צוגענומען לייזונג. ווייל איך בין באמת ניט שטארק פאראינטערעסירט אז דער אמעריקאנער אידישער פאר־לעגער זאל אנשטאט דעם וואס ער פטר'ט דרייסיג טעג א מאנאט אויף זוכן הלוואות כדי „גוטצומאכן" זיינע „נאוטס", זאל „ארומ־פארן אין קארעטן" און זיך לאזן וואוילגיין. דער עיקר איז דא אט וואס: האבנדיק די מעגלאכקייט ארויסצוגעבן די ארויסגע־פירטע ביכער מיט די הוצאות נאר פון פאפיר, דרוק און איינ־באנד, און אויך האבנדיק פאר זיך דעם איראפייאישן מארק, וואלטן, ערשטנס, די אמעריקאנער אויסגאבן געקענט פארשפרייט ווערן אויף א גרויסן מאסשטאב, און דער עיקר, ס'וואלט א רעכט ביסל לעבעדיקער געווארן און מ'וואלט זיך פארגינען טראכטן וועגן ארויסגעבן נייע זאכן, וואס האבן אונטער די איצטיקע אומשטענדן קיין געלעגנהייט ניט די ליכטיקע וועלט צו זען.

אמאליקע יארן האט מען זיך ניט געקענט צעטיילן מיט דער ירושה, און עס איז אלעמאל ארויסגעשפרונגען די פראגע „מ י ר אדער ז י י" אין באצוג צו דער קוואליטעט פון שרייבער. איך בין ניט קיין קריטיקער און ליטעראטור־קריטיק איז ניט מיין גע־ביט. דערפאר טאקע וועל איך דא ניט אנרופן קיין נעמען. אבער מיר האבן דאך דא אויף דער זייט ים לכל הפחות אזעלכע גוטע — אדער אזעלכע שלעכטע — שרייבער, וואס דער ברייטער עולם פון יענער זייט ים וואלט זיך מיט זיי געקענט קוויקן, אדער — אין לעצטן פאל — געקענט זיי גוט פארדייען.

פאקטיש איז דאך דער לעצטער טראנספארט מאטריצן און מאנוסקריפטן פאר די דערמאנטע איראפייאישע פארלאגן אליין א באווייז, אז אויף די ווערק פון אונדזערע אמעריקאנער שריי־בער איז דארט א פאדערונג. און חוץ דעם זיינען מיר דאך שוין

פאַר די לעצטע עטלאַכע יאָר דאָרט פאַרטראַטן אין פאַרשידענע פאַרלאַגן מיט אַפּאַטאָשו, מנחם, לייוויק, בוקשטיין, משה נאַדיר, גלאַזמאַן, לעיעלעס, האַלפּערן, אַלמי, קאַברין, צביון, שוין ניט ריידנדיק וואָס מען דרוקט דאָרט איבער שלום עליכם, אַש, רייזען, יהואש און אַנדערע. איך גלויב, אַז דאָס אַלץ איז אַ גענוגנדער באַווייז, אַז אונדזערע אַמעריקאַנער שרייבער זיינען דאָרט אַ גאַנץ גאַנגבאַרע סחורה.

דער שווערער קלאַץ, וואָס ליגט אונדז אין וועג, איז, לויט אַלעמענס מיינונג, דער פאַקט, וואָס דער אייראָפּייאישער לעזער קען זיך ניט פאַרגינען דעם לוקסוס פון איינשאַפן זיך דעם אַמע־ריקאַנער בוך. אָבער אויף וויפיל ער איז טייער, האָט זיך קיינער פון אונדזערע פאַרלעגער ניט גענומען די מי אויסצוגעפינען.

דער איינציקער פלאַץ, פון וואַנען מיר האָבן געהערט אַ שטיקל גרוס וועגן דעם ענין, איז פון פוילן, דורך די פאַרטרעטער פון זייערע פאַרלאַגן. אָבער אויף זיי קען מען ניט שטעלן, ווייל זיי ווילן אונדז אָפּשרעקן. זיי ווילן ניט, אַז די אַמעריקאַנער אידישע פאַרלעגער זאָלן אריינשטעלן אַ פוס אין אייראָפּע.

לויט די פרייזן אויף די אייראָפּייאישע אויסגאַבן, וואָס ווערן אַנאָנסירט אין די וואַרשאַווער „ליטעראַרישע בלעטער" און „ביכער וועלט", קאָן גאַנץ מעגלאַך זיין, אַז מיר זאָלן דאָרט אויך קענען „אָפּשטאַטן" אביסל פון אונדזערע אַמעריקאַנער אויסגאַבן. ווייל ריידנדיק וועגן די פרייזן אויף ביכער, דאַרפן מיר, ערשטנס, ניט פאַרגעסן, אַז די אייראָפּייאישע (ספּעציעל די אין פוילן) גע־דרוקטע ביכער, זיינען געדרוקט אויף אַ זייער ביליקן פּאַפּיר, און, צווייטנס, אַז די אָנגעגעבענע פרייזן זיינען אויף ניט־געבונ־דענע ביכער. אינדערצייט, ווען דאָ ביי אונדז איז אַן אומגעבונדע־נער בוך כמעט ניט בנמצא. אגב קען גאַנץ מעגלאַך זיין, אַז עס וועט זיך אפשר גאָר לוינען אונדזערע פאַרלעגער אָפּצודרוקן ספּע־ציעלע אויסגאַבן אויף ביליקן פּאַפּיר, בראשירט ספּעציעל פאַר אייראָפּע.

עס ליגן ביי אונדזערע פאַרלעגער פולע סקלעפּעס מיט בי־כער, געדרוקט אויף גוטן פּאַפּיר, אין אַ שיינעם איינבאַנד. וואָלט ניט בעסער געווען, אָנשטאָט צו צאָלן פאַרן פלאַץ, פּראָצענט פאַר געלט, און זאַמלען שטויב אויף די ביכער, אוועקשיקן די ביכער

אין אייראָפּע, וואו זיי וואָלטן צעצוקערט געוואָרן פאַרן פּרייז, וואָס איז צוגענגלאַך פאַר די דאָרטיקע לעזער?

אויסער די פּולע סקלעפּעס ביי די עקזיסטירנדיקע פאַרלאַגן, געפינט זיך נאָך אַ רעכט ביסל ביכער אויך ביי די אונטערגעגאַנגענע פאַרלאַגן, וואָס מען קען אָפּקויפן בחצי חנם. עס געפינען זיך אויך ביכער, וואָס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן פון גרופּעס און מחברים, וואָס וואָלטן צופרידן געווען אָוועקגעבן זייער סחורה פאַר שפּאָט ביליק. און דאָס אַלץ קען געשיקט ווערן אין די אויבנדערמאָנטע לענדער, וואו מ׳וואָלט די סחורה גאָר אין אַ קורצער צייט צעכאַפּט ווי מצה־וואַסער.

איך וויל שוין דאָ ניט ריידן פון די ווייטע פּערספּעקטיוון, פון די גרויסע וואונדער, וואָס מען קען אויפטאָן, ווען עס עפנען זיך פאַר אונז יענע לענדער. מען קען דאָרט אפשר אַרויסגעבן אַ טייל פון אונדזערע ביכער, — אויפקויפן אויף אָן אָרט אַלע דאָרטיקע אויסגאַבן פאַרן היגן מאַרק. אָבער ווען עס זאָל אפילו אויפטאָן פאַר אונדז ניט מער ווי דאָס, וואָס די סקלעפּעס וועלן ביי אונדז אויסגעליידיקט ווערן און מיטן איינקאַסירטן געלט וואָלטן מיר געקענט פאַנאַנדערנעמען די הענט און טראַכטן וועגן אַרויסגעבן נייע זאַכן, וואָלט אויך געווען דינו.

פאַרוואָס עפּעס יאָגן זיך נאָכן „בלויען פויגל" פון גליק איבער ימים? פאַרוואָס אַריינלייגן אַזוי פיל אויסגאַבן און פאַרן אין ווייטע מדינות, ווען מיר האָבן דאָ אין אַמעריקע דעם רוב מנין און רוב בנין אידן? — איז, ערשטנס, האָבן מיר דאָ ניט דערוויילע דעם מענטשן־מאַטעריאַל, וואָס איז נויטיג פאַר אַזאַ אַקציע. ווייל אָנצופאַנגען דאָ אַ ריכטיקע באַוועגונג, דאַרף מען אַמווייניקסטנס האָבן אַ צענדליק מענטשן, וואָס זאָלן אַרומפאָרן איבערן לאַנד, אין דער צייט וואָס די אַרבעט אין אייראָפּע וואָלט געקענט באַזאָרגט ווערן פון איין מענטשן. און אויב נויטיק, קען ער זיך דאָרט באַזאָרגן מיט לאָקאַלע פאַרטרעטער. וואָס דאָס איז דאָרט זייער אַ לייכטער ענין. און צווייטנס, וואָלט טאַקע דער ענין געקאָסט אַ רעכט ביסל ביליקער, ווייל ווען עס קומט צו געלט־ענינים, דאַרפן אונדזערע פאַרלעגער אויסקלייבן דעם ביליקסטן אופן.

דער היוצא לנו מדברינו איז, אז די פארלעגער דארפן זיך באלד נעמען צו דער ארבעט, און נים ווארטן ביז די איינראפיאישע פארלעגער וועלן פארכאפן דעם אמעריקאנער מארק מיט אונדזע־רע און זייערע שרייבער, און אפשר אויך די ארגאניזאציעס און שטאט־ביבליאטעקן און אפילו די פריוואט־קונדן.

דאס איז אן ענין, וואס מוז געטאן ווערן איידער עס ווערט צו־שפעט.

דערקלערונג

דער גאַנצער מאַטעריאַל, וואָס איז דאָ אריין, איז שוין פריער געדרוקט געווען אין פאַרשידענע זשורנאַלן: „ביכער־„סיילם“ מאי קא משמע לן“ אין „אונדזער בוד“, יאַנואַר־פעברואַר 1926; „אויף קרומע וועגן“ אין „פרייע אַרבעטער שטימע“ מאַי דעם 18טן און 25טן, 1928; „זאָגט נאָך ניט קיין קדיש“ אין „אויפקום“ דעצעמבער 1926; „אַ מאַרק פאַר אידישע ביכער“ אין „דער וועקער“ 18טן מאַי, 1928; איך האָב אָבער יעדן אַרטיקל איבער־געאַרבעט, דערגאַנצט און צוגעגעבן אַ רעכט ביסל נייע פאַקטן.

משה שמואל שקלאַרסקי.

אינהאַלט

טיטל בלאַט, געצייכנט פון ס. זאַגאַט
ביכער „סיילם" מאי קא משמע לן ? .... ג
אויף קרומע וועגן .... יט
זאָגט נאָך ניט קיין קדיש .... לא
אַ מאַרק פאַר אידישע ביכער .... מ
דערקלערונג .... מז